בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## אִידִישׁ

תשפ"ו

436

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

בעזרת השם יתברך

# היכל הקודש ברסלב

## וויליאמסבורג
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

## בארא פארק
1415 55th Street
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

## קרית יואל
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

## קרית יואל
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

## בלומינגראוו
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

## מאנסי
34 Union Rd.
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

## לונדון
23A St Andrew's Grove
**447388582855**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש בני ברק**
kerenadpasabneibrak@gmail.com

## קרית ברסלב
ליבערטי - ניו יארק

### האשקי
181 Huschke Road,
Liberty NY 12747

### ליקוטי מוהר"ן
39 Chestnut St,
Liberty, NY 12754

### אשר בנחל
291 Denman Rd,
Liberty, NY 12754

### עצתו אמונה
**187 Twin Bridge Rd**
**Liberty, NY 12754**

### פעולת הצדיק
2-198 Steiglitz Rd,
Liberty, NY 12754

### מקור השמחה
67-1 Marx St,
Liberty, NY 12754

### ירושלים
11 Jerusalem Ct
Liberty NY, 12754

לשמיעת השיעורים הנפלאים
של ראש הישיבה שליט"א
חייגו:
קול ברסלב
079-704-0066
קוואל פון אמונה (לנשים)
079-704-0069

## ירושלים
רח' רבי נחמן מברסלב 15
**054-845-6150**

## בני ברק
רח' ירושלים 2
**052-760-5715**

## טבריה
**050-411-6421**

## בית שמש (רמה ב')
רח' נהר הירדן 25
הכניסה מצד ימין בגינה
**050-419-9751**

## בית שמש (רמה ד')
רח' נהרדעא 24
**058-321-0705**

## ברכפלד
רח' רשבי 19
**052-715-6479**

## יבנאל
רח' המייסדים
**052-716-3184**

## צפת
רח' צהל 1
**050-412-6101**

## אלעד
רח' הרב יוסף קארו 5
**052-598-3029**

עריכה - הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com
www.BreslevCenter.com

## עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


פַּארְוָואס קוּמְט מִיר אָן שְׁוֶוער צְנִיעוּת?.......... א
מֶעג מֶען לֶערְנֶען זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ?.......... ב
וִוי אַזוֹי בַּאקוּם אִיךְ מַיין שִׁידוּךְ?.......... ג


## אִישׁ אֱמוּנוֹת


לֶערְנֶען דִי וֶועכֶנְטְלִיכֶע בְּרִיוָון.......... א
לֶערֶערִינְס זָאלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת'דִיג אוּן בַּא'חֵנְ'ט.......... ב
דִי הֵיילִיגֶע שָׁבוּעוֹת נַאכְט.......... ב
עַקְשָׁנוּת אוֹיף קַבָּלַת הַתּוֹרָה.......... ד
דִי מִקְוֶה שָׁבוּעוֹת פַּארְטָאגְס.......... ה
אַנְשְׁטָאט קוּקְן מִיט וֵוייטָאג, זוּךְ אַ פִּינְטְל גוּטְס.......... ז
מִילְכִיגְס אוּם שָׁבוּעוֹת, וִוי אַ קְלֵיין קִינְד.......... ט
זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען בַּיי אַהֲבָה רַבָּה.......... יא
מִילְכִיגְס אוּם שָׁבוּעוֹת, וִוי נֵיי גֶעבּוֹירְן.......... יג
אַז מֶען הִיט דִי אוֹיגְן, אִיז מֶען פוּל מִיט חֵן.......... טו
אַ טֶעלֶעפָאן קִילְט אָפּ דִי יִרְאַת שָׁמַיִם.......... טז
אוֹיפְבּוֹיעֶן פִיר כִּיתּוֹת אִין מַחֲנֶה אִילָן הַחַיִּים.......... יח
אַ בַּאקְוֶועמֶע טֶעלֶעפָאן אָדֶער נִישְׁט?.......... יט

אַ סְמַארְטְפָאוֹן מִיט הִתְקָרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן גֵייט נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם ................יט

נִישְׁט אַרֵיינְלָאזְן גֶעלְט גֵייעֶר אִין זַאל? ..........................................כא

וִוי אַזוֹי וָואלְט אִיךְ גֶעשְׁפִּירְט וֶוען מַיין קִינְד טוּט דָאס .......................כא

תְּפִלַּת הַשְּׁלָ"ה עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן........................................כב

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין שְׁטוּבּ.......................................................כד

דִי הַצְלָחָה פוּן אַ שׁוּל אִיז נָאר לִיבְּשַׁאפְט אוּן אַחְדוּת......................כו

פְרֶעגְן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ אַלֶע שְׁאֵלוֹת אוּן סְפֵיקוֹת ...............................כז

אַ בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט צוּ לֶערְנֶען..................................................כח

קֵיין אֵיין שְׁלֶעכְט וָוארְט אוֹיף קֵיינֶעם .........................................כט

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס בְּלַייבְּט, אִיז דוֹרוֹת.................................לא

זִיךְ בַּאדַאנְקֶען מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ ..................................................לג

אוֹיסְוַואשְׁן דִי אוֹיגְן מִיט טְרֶערְן...............................................לה

נָאר אֵיידֶעלֶע אוּן עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים.............................................לו

אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט.......................................................................לז

בַּאוַואסֶערְן דִי בֵּיימֶער אוּן בְּלוּמֶען..........................................לט

סְתַּם זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אִיז דָאס דֶען לִימוּד הַתּוֹרָה? ....................... מא

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**פַארְוָואס קוּמְט מִיר אָן שְׁוֶוער צְנִיעוּת?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיךְ קֶען טוּן אַז צְנִיעוּת קוּמְט מִיךְ אַסַאךְ מָאל אָן שְׁוֶוער, וֶוען אִיךְ זֶע אַ מֵיידְל פוּן מַיין יָארְגַאנְג וָואס גֵייט מִיט זָאקְן, וִויל אִיךְ אוֹיךְ גֵיין אַזוֹי. וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ז אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן ... תְּחְיֶ׳, מָאנְסִי**

עֶס אִיז טַאקֶע אַ נִסָּיוֹן, וֶוען מֶען אִיז יוּנְג הָאט מֶען דִי שְׁטַארְקֶע נִסָּיוֹן צוּ וֶועלְן אוֹיסְזֶעהְן וִוי דִי שְׁכֵנִים, צֵייגְן גוּט פַאר דִי אַרוּמִיגֶע, אָבֶּער אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק נִישְׁט נָאכְצוּגֵיין דִי גַאס, נָאר גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן זִיךְ פִירְן אֵיידְל - בַּאקוּמְט מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ גוּטְס, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הֶערְלִיכֶע שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט), אַז מֶען פִירְט זִיךְ אֵיידְל, מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, טוּט זִיךְ נִישְׁט אָן וִוי דִי שְׁכֵנִים, טוּט זִיךְ אָן אַזוֹי וִוי אַייעֶר טַאטֶע מַאמֶע ווִילְן אִיר זָאלְט גֵיין אָנְגֶעטוּן, דִי גְרֶעסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אִיז אַז מֶען פָאלְגְט עֶלְטֶערְן אוּן מֶען מַאכְט זֵיי אַ נַחַת רוּחַ; לֵיידֶער זֶענֶען מִיר פַארְטְרִיבְּן אִין גָלוּת אַמֶערִיקֶע, דִי אַמֶערִיקַאנֶע שִׁיטָה אִיז

אַז יֶעדֶער קֶען טוּן וָואס זֵיי ווילְן, דִי עֶלְטֶערֶע דַארְפְן גֶעבְּן כָּבוֹד פַּאר דִי יוּגְנְט, מִיר וואוֹינֶען טַאקֶע אִין אַמֶערִיקֶע אָבֶער מִיר זֶענֶען נִישְׁט קֵיין אַמֶערִיקַאנֶער, מִיר זֶענֶען דָא בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן אוּן אַהֵיים נֶעמֶען קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; בְּכֵן זָאלְט אִיר נִישְׁט טוּישְׁן דִי שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע לְבוּשׁ, גֵייט נִישְׁט מִיט קוּרְצֶע שְׁטְרִימְפּ, גֵייט מִיט טֵייץ, אוּן זַייט אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן גֶעשְׁמַאק, אַז דִי שְׁכֵנִים זָאלְן אַייךְ וֶועלְן נָאכְמַאכְן, זֵיי זָאלְן זָאגְן פַּאר זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן: ׳מִיר ווילְן זַיין אֵיידְל, אַזוֹי ווִי דִי שְׁכֵנִים׳.

גֶעבְּט אַ גְרוּס פַּאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶעג מֶען לֶערְנֶען זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כֹּל וויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַּאר אַלֶע שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, וָואס אַ דַאנְק דֶעם הָאבּ אִיךְ נִישְׁט פַארְפַּאסְט דָאס יָאר קַיין אֵיין טָאג פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ שִׁיעוּר אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ יֶעדְן טָאג.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ מַעֲשֶׂה אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין יְרוּשָׁלַיִם אַ גֶעווִיסֶער גָּדוֹל וָואס אִיז אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט יוּנְגֶערְהֵייט, הָאט עֶפֶּעס אַ גָּדוֹל גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַוֶועק יוּנְגֶערְהֵייט וַוייל עֶר הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין קַבָּלָה; מַיין שְׁאֵלָה אִיז צִי מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן לֶערְנֶען זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ?

אוֹיךְ וָואלְט אִיךְ גֶעוָואלְט הָאבְּן מֶער חִיזוּק אוֹיף לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאגְן זוֹהַר אִיז פַאר אַלֶעמֶען, אוֹיךְ פַאר יוּנְגֶע; זָאגְן זוֹהַר אִיז נִישְׁט קֵיין שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ, זָאגְן זוֹהַר אִיז אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ, מֶען וֶוערְן אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט אוּן אוֹיסְגֶעאֵיידְלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קח): "יָדוּעַ שֶׁלִּמּוּד הַזֹּהַר", לֶערְנֶען זוֹהַר "מְסֻגָּל מְאֹד מְאֹד", אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל פַאר דִי נְשָׁמָה, "וְדַע שֶׁעַל יְדֵי לִמּוּד הַזֹּהַר נַעֲשֶׂה חֵשֶׁק לְכָל מִינֵי לִמּוּדִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע גְלוּסְטֶענִישׁ צוּ לֶערְנֶען אַלֶע סְפָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

זָאג יֶעדְן טָאג זוֹהַר, דָאס וֶועט דִיר אוֹיסְרֵיינִיגְן דַיין נֶפֶשׁ, רוּחַ אוּן נְשָׁמָה. דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל הָאט גֶעגֶעבְן אַ תִּיקוּן פַאר אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה עֶר זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען פִינְף בְּלֶעטֶער תִּיקוּנֵי זוֹהַר, אַז דָאס וֶועט אִים מְתַקֵּן זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווי אַזוֹי בַּאקוּם אִיךְ מַיין שִׁידוּךְ?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַארְף ווִי שְׁנֶעלֶער אַ שִׁידוּךְ, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר הֶעלְפְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן שִׁידוּכִים אִיז פַארְהוֹילְן פוּן אַלֶעמֶען, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וֶוען, מִיט וֶועם וְכוּ' וְכוּ', שִׁידוּכִים לִיגְט נָאר אִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הֶענְט. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): "מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי תּוֹרָה, אִין נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְן

אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ): "וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל, וַיֹּאמְרוּ, מֵה' יָצָא הַדָּבָר", אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה' הִיא", אוּן אִין כְּתוּבִים שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, יד): "בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת", זֶעעֶן מִיר אִיבֶּערָאל אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְן בַּאשֶׁעפֶּער.

עֶס אִיז דָא אַ זַאךְ וָואס טוּט אָפְּהַאלְטְן דִי שִׁידוּךְ; אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - דָאס טוּט אָפְּהַאלְטְן דִי שִׁידוּךְ, אוּן אוֹיךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט עֶרְלִיךְ - פַארְלִירְט מֶען דִי שָׁלוֹם בַּיִת. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הִיט דַיינֶע אוֹיגְן, אִין דֶעם זְכוּת וָואס דוּ וֶועסְט הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן - וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן פז), וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית פַארְלִירְט עֶר זַיין שִׁידוּךְ, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין אַ שִׁידוּךְ, מֶען אִיז שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוֹיבּ מֶען זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית - פַארְלִירְט מֶען דִי שִׁידוּךְ, מֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן קְרִיגְן אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין שָׁלוֹם בַּיִת; וִוידֶער אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען פַארְרֶעכְט וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, דֶעמָאלְט טְרֶעפְט מֶען דִי שִׁידוּךְ אוּן מֶען לֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן.

אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט, וְכַדוֹמֶה, וָואס מֶען קֶען זֶען אוֹיף דֶעם עֲבֵירוֹת - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, דוּ וֶועסְט חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן הָאבְּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, דִי שְׁכִינָה וֶועט רוּעֶן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## לֶערְנֶען דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע בְּרִיוְון

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ג אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**... תְּחְיֶ', תַּלְמִידַת בֵּית פֵּיגָא, קִרְיַת יוֹאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶרֶע מֶעסֶעדְזְשֶׁעס.

אַז אִיר וִוילְט מִיךְ זֶען, אִיר בֶּענְקְט זִיךְ צוּ מִיר - זָאלְט אִיר קוּקְן אִין דִי בְּרִיוְון פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן אִישׁ אֱמוּנוֹת, דָארְט קֶענְט אִיר מִיךְ זֶען אוּן שְׁטִילְן אַייעֶר בֶּענְקֶענִישׁ, אוֹיךְ קֶענְט אִיר הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אוֹיף דִי טֶעלֶעפָאן לֵיין "קְוַואל פוּן אֱמוּנָה", "קוֹל בְּרֶסְלֶב"; מִיךְ נָאכְלוֹיפְן, מִיךְ וֶועלְן זֶען - אִיז נַארִישׁ.

אִיר קֶענְט עֶס זָאגְן פַאר אַלֶע תַּלְמִידוֹת, אַלֶע זָאלְן לֶערְנֶען דִי בְּרִיוְון, דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע בְּרִיוְון, אוּן וואוּ עֶס אִיז דָא אַ אִידִישֶׁע תְּפִלָּה - זָאל מֶען דָאס נִיצְן, דָאס בֶּעטְן, אוּן וואוּ עֶס אִיז דָא חִיזוּק אוּן הַדְרָכָה - זָאל מֶען דָאס נֶעמֶען ווִי אַ פֶּערְזֶענְלִיכֶע בְּרִיוו.

אִיךְ שְׁטְרֶענְג זִיךְ אָן אַרוֹיסְצוּגֶעבְן וֶועכְנְטְלִיךְ דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַוייל אִין דִי בְּרִיוְון קֶען מֶען זֶען ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אוּן נֶעמֶען גָאר אַסַאךְ חִיזוּק.

...

**לֶערֶערִינְס זָאלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת'דִיג אוּן בַּא'חֵנְ'ט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ד אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ'**

עֶרְשְׁטְנְס אַ יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְן אָנְנֶעמֶען צוּ הֶעלְפְן זוּמֶער מִיט דִי יוּנְגֶעֶרֶע מֵיידְלֶעךְ, אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אִיר וֶועט נָאר פַארְדִינֶען פוּן דֶעם, פוּן הֶעלְפְן בֵּית פֵּיגָא.

צְוֵוייטְנְס, אִיךְ וִויל אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט נִישְׁט קוּמֶען מִיט קֵיין לַאנְגֶע שְׁמַאטֶעס אִין בֵּית פֵּיגָא. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיז גֶעשֶׁען דִי לֶעצְטֶע פָּאר חֲדָשִׁים, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַיינְגֶעְרִיסְן אִין בֵּית פֵּיגָא צוּ קוּמֶען מִיט לַאנְגֶע קְלֵיידֶער, לַאנְגֶע שְׁמַאטֶעס; אִיךְ וִויל נִישְׁט אוּנְזֶערֶע טִיטְשֶׁערְס זָאלְן אַזוֹי גֵיין, אוּן זִיכֶער נִישְׁט אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידוֹת; וָואס דַארְפְן עֶנְק נָאכְמַאכְן דִי מָאדֶעס, דִי סְטֵיילְס? אוּן אַז דִי טִיטְשֶׁערְס קוּמֶען אַזוֹי - מַאכְן דָאס דִי תַּלְמִידוֹת נָאךְ; וָואס אִיז שְׁלֶעכְט מִיט אַ שֵׁיינֶע קְלֵייד בִּיז פִיר אִינְטְשֶׁעס נָאךְ דִי קְנִי? דָאס אִיז שֵׁיין, דָאס אִיז בַּא'חֵנְ'ט.

אִיךְ וִויל אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט טוּן מַיין ווִילְן, אוּן נִישְׁט קוּמֶען מִיט דִי לַאנְגֶע שְׁמַאטֶעס. אוֹיךְ נִישְׁט מִיט קֵיין דֶענִים, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט מִיט וָואס זֶעט אוֹיס וִוי דֶענִים.

וַוייזְט דֶעם בְּרִיוו פַאר אַלֶע אַייעֶרֶע שְׁוֶועסְטֶערְס, זֵיי זָאלְן ווִיסְן וָואס אִיז רִיכְטִיג אוּן ווִי אַזוֹי אִיךְ ווִיל מֶען זָאל גֵיין בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דִי הֵיילִיגֶע שָׁבוּעוֹת נַאכְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ה אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וַוארְף אַוֶועק דִי וֶועיפּ, וֶועיפּ מֶער נִישְׁט, עֶס אִיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת, מֶען

וֶוערְט צוּ דֶעם אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעבִּינְדְן, בִּיז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט שֵׁיידְן פוּן דֶעם, סַיי בַּיים אוֹיפְזַיין, סַיי בַּיים שְׁלָאפְן, אוּן עֶס קֶען אֲפִילוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ חִלּוּל שַׁבָּת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אַזוֹי וִוי צֶענְדְלִיגֶער מֶענְטְשׁ זָאגְן, אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט אָנְגֵיין אָן דֶעם, אוּן עֶס בְּרֶענְגְט זֵיי צוּ חִלּוּל שַׁבָּת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

יֶעצְט קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן, נָאךְ דִי סְעוּדָה זָאלְסְטוּ נִישְׁט בַּטְלֶ׳ען קֵיין צַייט, דִי נַאכְט פוּן שָׁבוּעוֹת אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, וָואס מֶען בֶּעט שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט - פּוֹעֶלְ׳ט מֶען, מֶען זֶעט ווְאוּנְדֶער; זָאלְסְטוּ אוֹיסְנִיצְן דִי נַאכְט מִיט הֵיילִיגֶע זַאכְן, מִיטְן זָאגְן דֶעם ׳תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת׳, אוּן מִיט ׳הִתְבּוֹדְדוּת׳; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט, אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט גֵיין מִיט חֲבֵרִים רֵייכֶערְן חַס וְשָׁלוֹם, עֶס אִיז חִלּוּל יוֹם טוֹב, מֶען טָאר נִישְׁט רֵייכֶערְן יוֹם טוֹב, אוּן אוֹיבּ דָאס וֶועסְטוּ טוּן אִין דִי הֵיילִיגֶע נַאכְט - אִיז שׁוֹין בֶּעסֶער זָאלְסְט גֵיין שְׁלָאפְן וִוי קוּמֶען צוּ חִלּוּל יוֹם טוֹב.

אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר אִיז נִישְׁט גוּט צוּ רֵייכֶערְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן רעג, תעב), מֶען זָאל נִישְׁט רֵייכֶערְן; אוּן זִיכֶער וֶוען עֶס קוּמְט יוֹם טוֹב טָאר מֶען נִישְׁט רֵייכֶערְן, עֶס אִיז חִלּוּל יוֹם טוֹב.

זָאג דִי ׳תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת׳; דֶער עִיקָר תִּיקוּן אִיז זָאגְן דִי עֶרְשְׁטֶע פָּסוּק אוּן דִי לֶעצְטֶע פָּסוּק פוּן תּוֹרָה נְבִיאִים וּכְתוּבִים, דָאס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג, אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט - זָאלְסְטוּ דוּרְכְגֵיין דִי תַּרְיַ״ג מִצְוֹות, אוּן אַז עֶס אִיז דִיר גֶעבְּלִיבְן צַייט - זָאלְסְטוּ זוּכְן אַ ווִינְקֶל וואוּ צוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, וואוּ דוּ קֶענְסְט זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן פַאר אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן פַאר אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עַקְשָׁנוּת אוֹיף קַבָּלַת הַתּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ה אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר**

וִויסְן זָאלְסְטוּ, יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת זֶענֶען מִיר נָאכְאַמָאל זוֹכֶה צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, יֶעדֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער אִיד אִיז נָאכְאַמָאל זוֹכֶה צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה; עֶס אִיז אַ צַייט וָואס מֶען בַּאנֵייט זִיךְ, מֶען הֵייבְּט אָן פוּנְדָאסְנֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן טוּן מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער אוּן מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף דַיינֶע גוּטֶע רְצוֹנוֹת, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בֵּיצָה כה:), פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן? "מִפְּנֵי שֶׁהֵן עַזִּין", וַוייל דִי טֶבַע פוּן אִידְן אִיז אַז זֵיי זֶענֶען אַן עַם קְשֵׁי עֹרֶף, זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע עַקְשָׁנִים, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַז מֶען לָאזְט זִיךְ נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן וֶוען מֶען זֶעט נִישְׁט וִוי מֶען אִיז גְלַייךְ מַצְלִיחַ; וַוייל עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט אִין אֵיין טָאג - צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ צַדִּיק; עֶס נֶעמְט אַ שְׁטִיק צַייט, אוּן אַז מֶען אִיז נִישְׁט קֵיין עַקְשָׁן, מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ נִישְׁט צוּ בְּלַייבְּן מִיט דִי גוּטֶע ווִילְן - פַאלְט מֶען אַרָאפּ אוּן מֶען אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ צוּ אָנְקוּמֶען צוּ דִי הוֹיכֶע הֵיילִיגֶע מַדְרֵיגוֹת, אוּן דֶערְפַאר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן מח): "צָרִיךְ לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", מֶען דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, נִישְׁט אָפְלָאזְן דִי גוּטֶע ווִילְן אוּן נִישְׁט אָפְטְרֶעטְן פוּן דִי גוּטֶע קַבָּלוֹת וָואס מֶען הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער וְכוּ', וַוייל נָאר בִּזְכוּת עַקְשָׁנוּת הָאבְּן מִיר מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה.

עַל כֵּן לִיבֶּער בְּרוּדֶער, בַּאנֵיי זִיךְ, הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי זַיין אַ אִיד, נִיץ דַיין עַקְשָׁנוּת אוֹיף קַבָּלַת הַתּוֹרָה, גֵיי אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג דַאוֶונֶען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן, אוּן הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן הֵייבּ אָן

פוּנְדַאסְנֵיי הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן, הַאלְט אָן מִיט עַקְשָׁנוּת דַיינֶע קַבָּלוֹת טוֹבוֹת פוּן הִיטְן דִי אוֹיגְן אוּן הִיטְן דִי מַחֲשָׁבוֹת. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה נב:), אוֹיבּ מֶען הָאט צוּטוּן מִיטְן יֵצֶר הָרָע וָואס וִויל אַרָאפְּוַוארְפְן אִין עֲבֵירוֹת - "מָשְׁכֵהוּ לְבֵית הַמֶּדְרָשׁ", שְׁלֶעפּ אִים אַרַיין אִין שׁוּל, "אִם אֶבֶן הוּא נִמּוֹחַ", אֲפִילוּ דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז הַארְט וִוי אַ שְׁטֵיין - וֶועט עֶר בַּיים סוֹף וֶוערְן צֶעלָאזְט, "וְאִם בַּרְזֶל", אוּן אוֹיבּ הָאסְטוּ אַ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע יֵצֶר הָרָע, אַזוֹי וִוי אַייזְן - "הוּא מִתְפּוֹצֵץ", וֶועט עֶר וֶוערְן צֶעפִּיצְלְט; דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן - אִיז אִין שׁוּל, אִין כּוֹלֵל אוּן אִין יְשִׁיבָה, דָארְט קֶען מֶען מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק ו' מֵהִלְכוֹת דֵּעוֹת, הֲלָכָה א): "יֵצֵא לַמְּעָרוֹת וּלְחוֹחִים וְלַמִּדְבָּרוֹת", וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען קֶען וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ שְׁלֶעכְטֶע דֵּעוֹת זָאל מֶען אַנְטְלוֹיפְן אִין דִי מִדְבָּרִיּוֹת; זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, דָאס קֶען מֶען מְקַיֵּים זַיין אִין שׁוּל, אִין יְשִׁיבָה אוּן אִין כּוֹלֵל; דָארְט קֶען מֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּן וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן שְׁלֶעכְטֶע דֵּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי מִקְוֶה שָׁבוּעוֹת פַּארְטָאגְס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ה אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

מַזָּל טוֹב פַאר דַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט אַ חָתָן גֶעוָוארְן מִיט אַ חָשׁוּבְ'עֶ כַּלָּה, גֵייסְט אַרַיין אִין אַ חָשׁוּבְ'עֶ שְׁטוּבּ פוּל מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי תּוֹרָה אוּן אוֹיף דִי וֶועגְן פוּן צַדִּיקִים.

אִיךְ וִויל דִיר שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט, פוּן דִי גְרוֹיסֶע תִּיקוּנִים וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין. נָאכְן אוֹיפְזַיין שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט נָאנְט צוּם עֲלוֹת הַשַּׁחַר זָאלְסְטוּ גֵיין אִין מִקְוֶה זִיךְ טוֹבֵלְ'עְן, ווייל שָׁבוּעוֹת פַּארְטָאגְס וֶוען מֶען טוֹבֵלְ'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה - קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין

צוּצוּקוּמֶען צוּ זֵייעֶר הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן נו), זִיךְ טוֹבֵל'ען אִין מִקְוֶה שָׁבוּעוֹת פַּארְטָאגְס, נָאנְט צוּם עֲלוֹת הַשַּׁחַר, אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, מֶען קוּמְט צוּ שַׁעַר נ', אוּן מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען 'הֵיילִיגֶע מוֹחִין', מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען שֵׂכֶל אוּן דַּעַת פוּן גָאר אַ הוֹיכֶע פְּלַאץ.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, אַ גַאנְץ יָאר, וֶוען אִימֶער מֶען קֶען נָאר גֵיין אִין מִקְוֶה זִיךְ טוֹבֵל'ען - וֶוערְט מֶען הֵיילִיג אוּן מֶען נֶעמְט אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע טֻמְאוֹת אוּן אַלֶע דִינִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן כב): "עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת, וִישׁוּעָה בָּאָה", דוּרְךְ זִיךְ טוֹבֵל'עֶן אִין מִקְוֶה וֶוערְט בָּטֵל אַלֶע צָרוֹת אוּן מֶען זֶעט יְשׁוּעוֹת; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: "מִקְוֶה אִיז טַאקֶע נִישְׁט קֵיין מִצְוָה, אָבֶער צוּ וָואס מִקְוֶה קֶען צוּבְּרֶענְגֶען - קֶען נִישְׁט קֵיין שׁוּם אַנְדֶערֶע מִצְוָה צוּבְּרֶענְגֶען"; מֶען וֶוערְט אַ הֵיילִיגֶע גוּף צוּ זַיין גְרֵייט מְקַבֵּל צוּ זַיין קְדוּשָּׁה וְטָהֲרָה.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ אַ גַאנְץ יָאר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִינְדֶערְפְרִי צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, הֵייבּ אָן דַיין טָאג מִיט מִקְוֶה. אוּן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט רֶעדְן אִין מִקְוֶה, מַאךְ זִיךְ אַ קַבָּלָה נִישְׁט צוּ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן אִין מִקְוֶה, אוּן זִיכֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת פַּארְטָאגְס זָאלְסְטוּ זִיךְ טוֹבֵל'עֶן אִין מִקְוֶה, אוּן נִישְׁט רֶעדְן קֵיין דְּבָרִים בְּטֵלִים. אוּן נָאכְן גֵיין אִין מִקְוֶה זָאלְסְטוּ אָדֶער גֵיין דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית וָתִיקִין, אָדֶער זָאלְסְטוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל שַׁחֲרִית אוּן זִיךְ אַרָאפְּלֵייגְן כְּדֵי צוּ קֶענֶען זַיין אוֹיסְגֶערוּט צוּם דַאוֶוענֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַנְשְׁטָאט קוקְן מִיט וֵוייטָאג, זוּךְ אַ פִּינְטְל גוּטְס

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ה אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, זוּךְ אִין דִיר, אִין דַיין וַוייבּ אוּן אִין דַיינֶע קִינְדֶער - עֶפֶּעס גוּטְס. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפב), אַ ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע סוֹד, אַז דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען קוּקְט אִין זִיךְ אָדֶער אִין אַנְדֶערֶע מִיט אַ גוּט אוֹיג - קֶען מֶען זִיךְ אוּן יֶענֶעם אִינְגַאנְצְן טוֹישְׁן; דָאס הֵייסְט אַזוֹי, אַ טַאטֶע אָדֶער אַ מַאמֶע וָואס זֶעעֶן אַז זֵייעֶר קִינְד אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן, דָאס קִינְד טוּט זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, מֶען טוּט זִיךְ אָן נִישְׁט אִידִישׁ, מֶען טְשֶׁעפֶּעט דִי הֵיילִיגֶע בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, אָדֶער בַּיי דִי טֶעכְטֶער; מֶען זֶעט אַ טָאכְטֶער אָדֶער אַ שְׁנוּר טוּט זִיךְ אָן נִישְׁט אֵיידְל, נִישְׁט שֵׁיין, מֶען לָאזְט וַואקְסְן דִי הָאר, מֶען שְׁמִירְט דִי נֶעגְל וִוי דִי גוֹיִם, אוּן מֶען רֶעדְט פוּן קִינְדֶער וָואס זֶענֶען שׁוֹין נִישְׁט בַּיי דִי פְלַאץ וָואס מֶען קֶען זֵיי זָאגְן, קִינְדֶער נָאךְ דִי חֲתוּנָּה וָואס הֶערְן נִישְׁט אוֹיס דִי עֶלְטֶערְן; גֶעבְּט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַ ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצָה, מֶען זָאל קוּקְן אִינֶעם קִינְד אוּן אוֹיפְזוּכְן עֶפֶּעס אֵיין פִּיצְקֶעלֶע פִּינְטְל פוּן גוּטְס, אוּן מֶען זָאל זִיךְ גוּט אַיינְקוּקְן אִין דֶעם, זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפב): "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע", אַז דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אֵיין פִּינְטְל וָואס אִין דֶעם "מְעַט" אִיז נִישְׁטָא קֵיין שְׁלֶעכְטְס - "וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ", וֶועסְטוּ זֶען אַז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ וִוי אַזוֹי דוּ הָאסְט אִים פְרִיעֶר גֶעזֶען וֶוערְט פְּלוּצְלוּנְג פַארְשְׁוִוינְדְן, מֶען וֶוערְט אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט לְטוֹבָה.

דָאס אִיז סַיי מִיט זִיךְ אַלֵיינְס, סַיי מִיט דִי וַוייבּ, אוֹיךְ אַ וַוייבּ מִיט אִיר מַאן, אוּן סַיי מִיט קִינְדֶער; אַז מֶען נֶעמְט דִי עֵצָה, מֶען קוּקְט גוּט, מֶען קוּקְט מִיט רַחְמָנוּת, מֶען זוּכְט אַ זְכוּת, מֶען זוּכְט אַ פִּינְטְל גוּטְס, אוּן אַנְשְׁטָאט קוּקְן מִיט וֵוייטָאג פַארְוָואס דָאס קִינְד גֵייט נִישְׁט אִין דִי דֶערֶךְ וָואס מִיר עֶלְטֶערְן גֵייעֶן, אַנְשְׁטָאט קוּקְן מִיט הַאס פַארְוָואס דָאס קִינְד חַבֶר'ט זִיךְ מִיט דִי סָארְט חֲבֵרִים, אַנְשְׁטָאט קוּקְן אַזוֹי, קוּקְט מֶען מִיט דִי אוֹיגְן פוּן דִי צַדִּיקִים, "עֵינֵי הַשֵּׁם אֶל צַדִּיקִים" (תְּהִלִּים לד, טו), דִי צַדִּיקִים הָאבְּן אוֹיגְן פוּן רַחְמָנוּת, אוֹיגְן

פוּן זְכוּת; אַז מֶען קוּקְט אַזוֹי - קֶען מֶען אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים בְּרֶענְגֶען צוּ וֶוערְן אוֹיס רָשָׁע.

יֶעצְט קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, מַאךְ זִיךְ אַ סֵדֶר ווִי אַזוֹי דוּ זָאלְסְט אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, אוּן וֶוען עֶס וֶוערְט יוֹם טוֹב זָאלְסְטוּ גֵיין אִין שׁוּל מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, אַז מִיר זֶענֶען אוֹיסְדֶערְוֶועלְט צוּ זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס קִינְדֶער אוּן מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן זַיי זִיךְ מְקַבֵּל נִישְׁט צוּ רֶעדְן קֵיין דְבָרִים בְּטֵלִים אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב, אוּן נָאכְן דַאוֶוענֶען זָאלְסְטוּ אַהֵיים גֵיין מַאכְן אַ פְרֵיילִיכֶע סְעוּדָה, אוּן וֶוען דוּ מַאכְסְט קִידוּשׁ אוּן דוּ זָאגְסְט דִי וֶוערְטֶער: "אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל עָם, וְרוֹמְמָנוּ מִכָּל לָשׁוֹן" - זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען אוֹיסְדֶערְוֶועלְט, מִיר זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֶעבּ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג בַּיי דִי סְעוּדָה אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן בְּכַּעַס, ווַייל וֶוען עֶס קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, דִי הֵיילִיגֶע צַייטְן - וֶוערְט אַ קִנְאָה פוּן דִי מַלְאָכִים, זֵיי זֶענֶען מְקַנֵּא אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן וֶוען דִי מַלְאָכִים זֶענֶען מְקַנֵּא קֶענֶען זֵיי אַרָאפְּוַוארְפְן דֶעם אִיד פוּן דִי הֶעכְסְטֶע פְּלַאץ - צוּ כַּעַס אוּן מַחֲלֹקֶת וְכוּ׳, דָאס אִיז וָואס מֶען זֶעט לְמָשָׁל בַּיי שִׂמְחוֹת, בַּיי דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת אוּן דִי סְעוּדוֹת פוּן יוֹם טוֹב, אִין דִי צַייטְן קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר דֶערְהֵייבְּן, אוּן דַיְקָא דֶעמָאלְט פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין כַּעַס, מֶען שְׁרֵייט, מֶען רֶעגְט זִיךְ וְכוּ׳, דָאס קוּמְט פוּן קִנְאַת הַמַּלְאָכִים; עַל כֵּן זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן בַּיי דִי יוֹם טוֹב סְעוּדָה נִישְׁט צוּ וֶוערְן בְּכַּעַס חַס וְשָׁלוֹם, זָאלְסְט נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף קֵיינֶעם, אוּן אוֹיךְ אוֹיבּ עֶס גִיסְט זִיךְ עֶפֶּעס אוֹיס, אוּן דִי קִינְדֶער, דִי מִשְׁפָּחָה, דְרֵייעֶן אִיבֶּער - זָאלְסְטוּ זִיךְ מְבַטֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בְּלַייבּ פְרֵיילִיךְ, אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט וֶוערְן בְּכַּעַס אוּן פַארְלִירְן דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּנֶעם יוֹם טוֹב.

בַּיי דִי סְעוּדָה זָאלְסְטוּ זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה נִיגוּנִים פוּן יוֹם טוֹב, עֶס אִיז יָדוּעַ בַּיי תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, אַז זֵיי הָאבְּן דִי נַאכְט פוּן שָׁבוּעוֹת אַסַאךְ גֶעטַאנְצְן, מֶען הָאט זִיךְ גֶעפְרֵייט מִיט 'שֶׁלֹּא

עָשַׂנִי גוֹי, 'שֶׁלֹּא עָשָׂנוּ כְּגוֹיֵי הָאֲרָצוֹת', דָאס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, מִיט דִי שִׂמְחָה קֶען זִיךְ יֶעדֶער אִיד פְרֵייעֶן, אַז מֶען אִיז אַ אִיד אוּן נִישְׁט קֵיין גוֹי.

אִיךְ דַארְף גֵיין מְחַזֵּק זַיין דִי בָּחוּרִים, אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין; קוּק גוּט אוֹיף זִיךְ, אוּן אוֹיף דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִילְכִיגְס אוּם שָׁבוּעוֹת, וִוי אַ קְלֵיין קִינְד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ו אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן אִידִישְׁקֵייט אִיז זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אוּן אָנְנֶעמֶען זֵייעֶר וֶוערְטֶער וָואס זֵיי זָאגְן אָן קֵיין שׁוּם פְּשָׁרוֹת, אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קכג): "הָעִקָּר וְהַיְסוֹד שֶׁהַכֹּל תָּלוּי בּוֹ, לְקַשֵּׁר עַצְמוֹ לְהַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר, וּלְקַבֵּל דְּבָרָיו עַל כָּל אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה, דָּבָר קָטָן וְדָבָר גָּדוֹל, וְלִבְלִי לִנְטוֹת חַס וְשָׁלוֹם, מִדְּבָרָיו יָמִין וּשְׂמֹאל, לְהַשְׁלִיךְ מֵאִתּוֹ כָּל הַחָכְמוֹת, וּלְסַלֵּק דַּעְתּוֹ, כְּאִלּוּ אֵין לוֹ שׁוּם שֵׂכֶל בִּלְעֲדֵי אֲשֶׁר יְקַבֵּל מֵהַצַּדִּיק וְהָרַב שֶׁבַּדּוֹר, וְכָל זְמַן שֶׁנִּשְׁאָר אֶצְלוֹ שׁוּם שֵׂכֶל עַצְמוֹ, אֵינוֹ בִּשְׁלֵמוּת וְאֵינוֹ מְקֻשָּׁר לְהַצַּדִּיק"; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, אוּן צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אִין זִיךְ תְּמִימוּת.

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר קַבָּלַת הַתּוֹרָה, מִיר גֵייעֶן נָאכְאַמָאל מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, יֶעדֶע יָאר יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, אוֹיבּ מֶען וַוארְפְט אַוֶועק דִי אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל אוּן זִיכֶער דִי חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן אִין זִיךְ לֵיצָנוּת, אוּן דָאס אִיז טַאקֶע נָאךְ אַ טַעַם פַארְוָואס מִיר עֶסְן מִילְכִיגְס שָׁבוּעוֹת, וַוייל מִילְךְ אִיז דִי עֶסְן פוּן אַ קִינְד וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין דַּעַת אוּן קֵיין חָכְמוֹת, וַוייל זוֹכֶה זַיין צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה קֶען מֶען נָאר מִיט תְּמִימוּת אוּן מִיט פְּשִׁיטוּת אָן קֵיין חָכְמוֹת, מֶען מוּז קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אַ קְלֵיין גֶעבּוֹירֶענֶע קִינְד וָואס זֵייגְט מִילְךְ, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין דִי

תּוֹרָה; וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם), אַז דִי אִידְן אִין מִדְבָּר וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם בַּארְג סִינַי מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אוּן גֶעשְׁרִיגְן: "נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע" - הָאבְּן אַוֶועק גֶעוָוארְפְן אַלֶע זֵייעֶרֶע חָכְמוֹת אוּן חֲקִירוֹת, זֵיי הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת יד, לא): "וַיַּאֲמִינוּ בַּה' וּבְמֹשֶׁה עַבְדּוֹ", אוּן נָאר אַזוֹי הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶועֶן צוּ 'קַבָּלַת הַתּוֹרָה', אַזוֹי ווִי דֶער תַּרְגוּם זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (דְבָרִים לב, ו): "עַם נָבָל וְלֹא חָכָם" - "עַמָּא דְקַבִּילוּ אוֹרַיְתָא וְלָא חַכִּימוּ", דִי פָאלְק וָואס הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶועֶן דִי תּוֹרָה אָן קֵיין חָכְמוֹת, נָ'בָ'ל' אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת ל"ב נְ'תִיבוֹת, וָואס דָאס אִיז כְּלָלְיוּת הַתּוֹרָה, דִי אֱמֶתְ'עֶ חָכְמָה וָואס אַלֶע חָכְמוֹת וֶוערְן בָּטֵל וּמְבוּטָל אַנְטְקֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וָואס וֶוערְט אָנְגֶערִיפְן 'נוֹבְלוֹת הַחָכְמָה הָעֶלְיוֹנָה' (בְּרָכוֹת נה:); וַוייל אִין מִדְבָּר בַּיי מַתַּן תּוֹרָה זֶענֶען גֶעוֶועֶן גְרוֹיסֶע אַפִּיקוֹרְסִים וָואס הָאבְּן גֶעוָואלְט פַארְפִירְן דִי אִידְן זֵיי זָאלְן נִישְׁט אָנְנֶעמֶען דִי תּוֹרָה, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ דִי אִידְן וָואלְטְן נִישְׁט אַוֶועק גֶעוָוארְפְן זֵייעֶרֶע חָכְמוֹת וָואלְט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן דִי מוֹפְתִים אוּן נִיסִים וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זֵיי גֶעמַאכְט אוּן גֶעוִויזְן, זֵיי וָואלְטְן גֶעקֶענְט אִין אַלֶעס אָפְּלֵייקֶענֶען חַס וְשָׁלוֹם, נָאר יִשְׂרָאֵל קְדוֹשִׁים הָאבְּן גֶעוואוּסְט דֶעם אֱמֶת אוּן גֶעגְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן דֶערְפַאר, וֶוען עֶס קוּמְט יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת וֶוען מִיר זֶענֶען מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה - עֶסְן מִיר מִילְכִיגְס, מִיר עֶסְן וָואס קְלֵיינֶע קִינְדֶער עֶסְן, קְלֵיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט קֵיין חָכְמוֹת; וַוייל נָאר אַז מֶען פִירְט זִיךְ אָן חָכְמוֹת, מֶען לֶעבְּט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת - קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה.

עַל כֵּן לִיבֶּער ..., יֶעצְט וֶוען מִיר זֶענֶען נָאכְאַמָאל זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה זָאלְסְטוּ אַוֶועק וַוארְפְן אַלֶע דַיינֶע חָכְמוֹת הַמְדֻמּוֹת, אוּן זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְוֶועלְן דִי וֶועג פוּן תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, גֵיי אִין דִי וֶועג פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה ווִי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים לֶערְנֶען אוּנְז.

יֶעצְט שָׁבוּעוֹת אִיז דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן מִיט חָכְמוֹת אוּן חֲקִירוֹת, נָאר גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן אִין דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, אוּן חַס וְשָׁלוֹם

נָאכְגֵיין דִי אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל, וַוייל אוֹיב חַס וְשָׁלוֹם מֶען גֵייט נָאךְ דִי אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל אוּן דִי אֵייגֶענֶע חָכְמָה - קֶען מֶען וֶוערְן אַן אַפִּיקוֹרֶס, מֶען קֶען קוּמֶען צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן, אוּן וְוִיסְן זָאלְסְטוּ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן יב): "וְעִקָּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת, וּלְהִסְתַּכֵּל בְּכָל דָּבָר שֶׁעוֹשֶׂה, שֶׁיִּהְיֶה שָׁם הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ וְלִבְלִי לְהַשְׁגִּיחַ כְּלָל עַל כְּבוֹד עַצְמוֹ רַק אִם יֵשׁ בָּזֶה כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יַעֲשֶׂה, וְאִם לָאו לָאו, וַאֲזַי בְּוַדַּאי לֹא יִכָּשֵׁל לְעוֹלָם", דֶער עִיקָר פוּן אִידִישְׁקֵייט אִיז פָאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אָן קֵיין חָכְמוֹת, אוּן מֶען זָאל קוּקְן אִין יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט אוֹיב דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט, אוֹיב דָאס אִיז רָצוֹן הַשֵּׁם.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס אַלֶעס וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ אוּן אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען בַּיי אַהֲבָה רַבָּה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ו אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זֶען דִי פָּאר טֶעג וָואס דוּ בִּיסְט אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ - וְוִי דִי פִירְסְט זִיךְ אַזוֹי אֵיידְל, פוּל מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אִיךְ בִּין זֵייעֶר נִתְפָּעֵל פוּן דִיר אוּן אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ וֶועסְט אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן מִיט דִי תְּמִימוּת.

יֶעצְט קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, אִיךְ וְוִיל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין אַז שָׁבוּעוֹת בַּיים דַאוֶוענֶען זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן פַאר אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט, יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת, אוּן אַזוֹי וְוִי וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ מַתַּן תּוֹרָה, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (תַּנְחוּמָא יִתְרוֹ, ח), אַז אַלֶע קְרַאנְקֶע זֶענֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן, אוּן אַלֶע

בְּלִינְדֶע הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זֶען, און דִי טוֹיבֶּע הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן, און אַזוֹי וַוייטֶער, אַזוֹי אִיז יֶעדֶע יָאר וֶוען עֶס קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת און מֶען אִיז נָאכְאַמָאל מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע יְשׁוּעוֹת און רְפוּאוֹת, מֶען דַארְף נָאר שְׁטַארְק גְלֵייבְּן אִין דֶעם.

בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן 'אַהֲבָה רַבָּה' זָאלְסְטוּ זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה און צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה, ווייל אֲפִילוּ מֶען אִיז וַוייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה און פוּן פַארְשְׁטֵיין תּוֹרָה, וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן פַארְשְׁטֵיין דִי סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, אָבֶּער דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען דָאס פּוֹעֵל'ן אִינֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת. אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק דֶער רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבּוּז גֶעזָאגְט: "רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דָן דִי פַּרְנָסָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַ בִּילְקֶע מֶער אַ בִּילְקֶע וֵוייניגֶער, און יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִיז מֶען דָן וִויפִיל מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה", זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן לִיכְטִיגֶע אוֹיגְן אִין דִי תּוֹרָה, זָאג שְׁטַייט דִי וֶוערְטֶער פוּן 'אַהֲבָה רַבָּה', זָאג יֶעדֶע וָוארְט מִיט כַּוָּונָה. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט אִין מְתִיבְתָּא דִרְקִיעָא אַז דִי גָלוּת צִיט זִיךְ אַזוֹי לַאנְג וַוייל מֶען כַאפְּט אָפּ דִי בְּרָכָה פוּן 'אַהֲבָה רַבָּה', מֶען זָאגְט עֶס נִישְׁט מִיט כַּוָּונָה (עַיֵּן תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף, פָּרָשַׁת וָאֵרָא); וַוייל דִי תְּפִלָּה פוּן אַהֲבָה רַבָּה אִיז זֵייעֶר אַ וִוירְטִיגֶע תְּפִלָּה, אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן הֵיילִיגֶע אוֹיגְן אִין דִי תּוֹרָה, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי טִיפֶע הוֹיכֶע סוֹדוֹת וָואס לִיגְט בַּאהַאלְטְן אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה.

און וֶוען מֶען זָאגְט הַלֵּל, זָאלְסְטוּ זָאגְן הַלֵּל מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, אוֹיפְן קוֹל. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אַהֲבָה, סִימָן ח): "עַל יְדֵי אֲמִירַת הַלֵּל בְּקוֹל גָּדוֹל, זוֹכִים לְאַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דוּרְךְ זָאגְן הַלֵּל אוֹיפְן קוֹל אִיז מֶען זוֹכֶה לִיב צוּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם אוֹת מְרִיבָה, סִימָן ג): "עַל יְדֵי קְרִיאַת הַלֵּל, יוֹשִׁיעַ לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מֵאוֹיְבֶיךָ", דוּרְךְ זִינְגֶען הַלֵּל וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיךְ הֶעלְפְן פוּן דַיינֶע פַיינְט, דָאס מֵיינְט מֶען דִי

סִטְרָא אַחֲרָא וָואס זַיי זֶענֶען דִי גְרֶעסְטֶע פַּיינְט, זַיי ווִילְן אַוֶועקְרַייסְן דֶעם אִיד פוּן דִי תּוֹרָה, פוּן דִי קְדוּשָּׁה, פוּן דִי אֱמוּנָה, אוּן דוּרְךְ לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט מֶען פוּן זַיי גֶערַאטֶעוֶועט.

גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר דַיינֶע טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, נִישְׁט יֶעדֶער הָאט אַזֶעלְכֶע טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וָואס דוּ הָאסְט, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז דוּ הָאסְט אַזֶעלְכֶע טַייעֶרֶע טַאטֶע מַאמֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִילְכִיגְס אוּם שָׁבוּעוֹת, ווִי נֵיי גֶעבּוֹירְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ו אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין מֶעסֶעדְזְשׁ אַז דוּ הָאסְט אַוֶועק גֶעוָוארְפְן דַיין סְמַארְטְפָאוֹן; הָאסְט מִיר צוּגֶעגֶעבְּן אַ שְׁטִיק לֶעבְּן, אַ שְׁטִיק גֶעזוּנְט, גֶעבֶּענְטְשְׁט זָאלְסְטוּ זַיין.

יֶעצְט אִיז דָאס דִיר טַאקֶע זֵייעֶר שְׁוֶוער, אַזוֹי ווִי דוּ שְׁרַייבְּסְט אִינֶעם מֶעסֶעדְזְשׁ, אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען פַאר דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶּער אִיךְ זָאג דִיר צוּ אַז עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּערְגֵיין אַפָּאר יָאר, נִישְׁט קֵיין לַאנְגֶע צַייט, אוּן דוּ וֶועסְט אַזוֹי שְׁטַארְק דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ ווייס אַז יֶעצְט אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ דוּ זָאלְסְט פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר, יֶעצְט ווִילְסְטוּ נָאר צוּרִיק דֶעם טֶעלֶעפָאן, אָבֶּער אִיךְ זָאג דִיר צוּ אַז דוּ וֶועסְט אַזוֹי דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גוּטֶע זַאךְ וָואס דוּ הָאסְט יֶעצְט גֶעטוּן.

יֶעצְט קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, נָאכְן דַאוֶוענֶען אִיז דֶער מִנְהָג אַז מֶען עֶסְט מִילְכִיגְס. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דֶער טַעַם פַארְוָואס מֶען פִּירְט זִיךְ צוּ עֶסְן מִילְכִיגְס אִיז וַוייל מֶען קֶען נָאר זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אוֹיבּ מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, מֶען הֵייבְּט אָן פוּנְדָאסְנֵיי, מֶען קוּקְט זִיךְ אָן ווִי מֶען אִיז יֶעצְט נֵיי גֶעבּוֹירְן, אוּן אַזוֹי ווִי אַ קְלֵיין קִינְד עֶסְט

נָאר מִילְךְ, עֶסְן מִיר שָׁבוּעוֹת מִילְךְ אַז מִיר זָאלְן זִיךְ אָנְקוּקְן ווִי נַיי גֶעבּוֹירְן, אוּן וֶועלְן נָאכְאַמָאל פְּרוּבִירְן צוּ זַיין גוּט אוּן טוּן דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וויסְן זָאלְסְטוּ, וֶוען דִי קְלִיפּוֹת אוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא זֶעעֶן ווִי אַ נְשָׁמָה וָואס זֵיי הָאבְּן שׁוֹין פַארְכַאפְּט וויל זִיךְ אַרוֹיסְכַאפְּן אוּן וויל צוּרִיק גֵיין צוּ דִי קְדוּשָּׁה, זוּכְן זֵיי דָאס צוּ צֶעשְׁטֶערְן אוּן זֵיי קוּמֶען צוּם מֶענְטְשׁ מִיט זַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים, זֵיי ווַייזְן אִים אוֹיף שְׁוַוארְץ אוֹיף וֵוייס אַז 'עֶר קֶען שׁוֹין קֵיין צַדִּיק נִישְׁט זַיין', זֵיי בְּרֶענְגֶען אִים דִי אַלְטֶע מַעֲשִׂים מִיט וָואס עֶר אִיז לֵיידֶער נִכְשָׁל גֶעוָוארְן, אוּן זֵיי שְׁלָאגְן אִים מִיט דֶעם, בִּיז דִי נְשָׁמָה פַּאלְט חַלָשׁוּת, אוּן אַזוֹי פַאנְגֶען זֵיי אִים צוּרִיק, אוּן אַזוֹי ווִי עֶס אִיז דָא אַ קְלָארֶע הֲלָכָה (רַמְבַּ"ם פֶּרֶק ז' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה ח), אַז מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן פַאר אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה: "זְכוֹר מַעֲשֶׂיךָ הָרִאשׁוֹנִים", גֶעדֶענְק דַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים, עֶס אִיז אַ לַאו אִין דִי תּוֹרָה דָאס צוּ טוּן, אַזוֹי אִיז אַ אוֹיךְ אַן עֲבֵירָה דָאס צוּ טוּן מִיט זִיךְ אַלֵיינְס, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט קְלַאפְּן מִיט דִי אַלְטֶע מַעֲשִׂים; מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן מֶען דַארְף כְּסֵדֶר זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אוֹיף וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, אָבֶּער זִיךְ קְלַאפְּן - טָאר מֶען נִישְׁט, אוּן טַאקֶע דֶערְפַאר עֶסְן מִיר יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת מִילְכִיגְס, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְלַאפְּן מִיט וָואס אִיז עֶס גֶעוֶוען; עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען, אֶפְשָׁר אִין אַ פְרִיעֶרְדִיגֶע גִלְגוּל, יֶעצְט בִּין אִיךְ אַ נַייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע קִינְד, אִיךְ עֶס מִילְךְ, אִיךְ טְרִינְק מִילְךְ, אוּן אִיךְ הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנַיי הִיטְן דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ אִיז דֶער טַעַם פַארְוָואס מִיר עֶסְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת מִילְכִיגְס, ווַייל דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֶסְן וָואס נָאכְן וֶוערְן פַארְדָארְבְּן קֶען מֶען דָאס נִיצְן אוּן מַאכְן פוּן דֶעם גוּטֶע עֶסְן - אִיז מִילְךְ, פוּן פַארְדָארְבֶּענֶע מִילְךְ מַאכְט מֶען 'קֶעז', אוּן מִיט דִי פַארְדָארְבֶּענֶע מִילְךְ מַאכְט מֶען אַלֶע גוּטֶע מִילְכִיגְס; דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען אִיז לֵיידֶער גֶעפַאלְן, מֶען הָאט גֶעפָאלְגְט דֶעם יֵצֶר הָרָע, מֶען הָאט גֶעטוּן פַארְדָארְבֶּענֶע מַעֲשִׂים; אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען נֶעמְט זִיךְ פָאר מֶער נִישְׁט צוּ טוּן דִי אַלְטֶע פַארְדָארְבֶּענֶע מַעֲשִׂים, מֶען הָאט חֲרָטָה, אוּן מֶען וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַארְן

**אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע פַארְדָארְבֶּענֶע מַעֲשִׂים, אִיךְ נֶעם זִיךְ פָּאר צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג"** - קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן, עֶס קֶען וֶוערְן 'קֶעז' אוּן 'גוּטֶע מַאֲכָלִים', אוּן דָאס דַארְפְן אַלֶע וִויסְן וֶוען עֶס קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, אַז אַ אִיד קֶען אַלְץ פַארְרֶעכְטְן, אוּן פוּן דִי מִילְךְ וָואס אִיז פַארְדָארְבְּן - קֶען מֶען נָאךְ מַאכְן פֵיינֶע מַטְעַמִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז מֶען הִיט דִי אוֹיגְן, אִיז מֶען פוּל מִיט חֵן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ו אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

וָואס מַאכְסְטוּ עֶפֶּעס? אִיךְ הָאף דוּ בִּיסְט צוּפְרִידְן אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאף דוּ הֶערְסְט אוֹיס דֶעם מַגִּיד שִׁיעוּר, אוּן אִיךְ הָאף אַז דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה רֶעדְן נָאר אֵיידֶל אוּן הֵיילִיג.

יֶעצְט אִין דִי זוּמֶער טֶעג וֶוערְן דִי נִסְיוֹנוֹת זֵייעֶר גְרוֹיס, מֶען דַארְף אַ שְׁמִירָה עֶלְיוֹנָה, מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִין גַאס, מֶען קֶען פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת; אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, מֶען וֶוערְט אַ נֶערְוֶועזֶער, דִי נֶערְוֶוען וֶוערְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, מֶען קֶען נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן אוּן פַארְנֶעמֶען דִי לֶעבְּן, מֶען רֶעגְט זִיךְ, מֶען שְׁרֵייט, מֶען וֶוערְט אַ שְׁלֶעכְטֶער, דָאס אִיז גוֹרֵם אַז מֶען זָאל זוּכְן וואוּ מֶען קֶען אַוֶועק לוֹיפְן פוּן דִי לֶעבְּן; עֶס זֶענֶען דָא וָואס אַנְטְלוֹיפְן צוּ אַלְקָאהָאל, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן זֵייעֶר לֶעבְּן, זֵיי טְרִינְקֶען זִיךְ אָן, זֵיי שִׁיכּוֹר'ן אָפּ זֵייעֶר טֶעג אוּן יָארְן. עֶס זֶענֶען דָא וָואס אַנְטְלוֹיפְן צוּ נֶעמֶען שֶׁעדְלִיכֶע קֶעמִיקָלְס, מֶען פַארְדְרָאגְט זִיךְ, מֶען קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דִי יָאךְ פוּן דָאס לֶעבְּן, אוּן אַלֶעס קוּמְט פוּן פַאלְן אִין מִידַּת הַיְּסוֹד, דוּרְךְ מַפְקִיר זַיין דִי אוֹיגְן, קוּקְן עֲבֵירוֹת, דָאס רַייסְט אוֹיס דִי מֹחַ, דִי נֶערְוֶוען וֶוערְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, מֶען קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דִי לֶעבְּן, אוּן אַמָאל אִיז

שוֹין אַזוֹי שְׁלֶעכְט אַז מֶען טְרַאכְט שוֹין דָאס עֶרְגְסְטֶע, פוּן עֶנְדִיגְן מִיט דִי לֶעבְּן, מֶען ווִיל אִינְגַאנְצְן אַנְטְלוֹיפְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

אַז מֶען הִיט דִי אוֹיגְן אִיז מֶען פוּל מִיט חֵן, מֶען אִיז אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, מֶען הָאט אַ חַיוּת אִינֶעם לֶעבְּן, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִינֶעם דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, ווַייל אַז מֶען אִיז אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדוּשָּׁה רוּט בַּיי מֶענְטְשׁ דִי שְׁכִינָה, אוּן אַז עֶס אִיז דָא הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה - אִיז דָא אַלֶע לִיכְטִיגְקֵייטְן; זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ גֵיין אִין גַאס וואוּ מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם נִכְשָׁל ווֶערְן מִיט אַ שְׁלֶעכְט קוּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ טֶעלֶעפָאן קִילְט אָפּ דִי יִרְאַת שָׁמַיִם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ו אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

בְּנוֹגֵעַ ווָאס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט לַ״ג בָּעֹמֶר אִין שְׁטֶעטְל בַּיי דִי סְעוּדָה, פוּן דִי שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן; גְלֵייבּ מִיר אִיךְ הָאבּ נָאךְ נִיטְאַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן ווִי שֶׁעדְלִיךְ דָאס אִיז, ווַייל דוּרְךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס, אָנֶעם טֶעלֶעפָאן דַארְף מֶען דָאךְ אוֹיךְ רַחֲמֵי שָׁמַיִם מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם, אִיז דָאךְ זִיכֶער מִיט אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אוּן שְׁטֶעל זִיךְ פָאר ווָאס ווָאלְט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם?

בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה, דִי צַדֶיקֶת אָדְל, דִי טָאכְטֶער פוּן רֶבִּי׳ן - הָאט אַמָאל גֶעהָאלְפְן מְסַדֵּר זַיין דִי דִירָה, מֶען הָאט אִיבֶּער גֶעפַּארְבְּט דֶעם רֶבִּינְ׳ס שְׁטוּבּ, אוּן זִי הָאט אִיבֶּער גֶעדֶעקְט דִי מֶעבְּל אַז עֶס זָאל נִישְׁט ווֶערְן שְׁמוּצִיג, אוּן אוֹיפְן ווַאנְט הָאט גֶעהָאנְגֶען אַ טַייעֶרֶע זֵייגֶער, הָאט זִי גֶענוּמֶען אַ טִיכְל ווָאס פְרוֹיעֶן בִּינְדְן זִיךְ דִי קָאפּ אוּן מִיט דֶעם אִיבֶּער גֶעדֶעקְט דֶעם זֵייגֶער, אַז דִי זֵייגֶער זָאל נִישְׁט שְׁמוּצִיג ווֶערְן, הָאט אִיר דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״מִיט דֶעם דֶעקְסְטוּ אִיבֶּער דִי זֵייגֶער? דוּ ווֵייסְט נִישְׁט אַז עֶס אִיז הַיינְט דָא

אַזֶעלְכֶע שְׁוַואכֶע מֹחוֹת, און וֶוען זֵיי זֶעעֶן נָאר אַ טִיכְל בַּאקוּמֶען זֵיי שׁוֹין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, דֶעק אִיבֶּער דִי זֵייגֶער מִיט אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ"; טְרַאכְט אַרַיין, וָואס וָואלְט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט, קָאמְפְּיוּטֶער - דִי כֵּלִים וָואס מֶען קֶען זֶען דֶערוֹיף עֲבֵירוֹת? אוֹיב אַ טִיכְל הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל לֵייגְן אוֹיפְן וַואנְט, וַוייל דָאס קֶען בְּרֶענְגֶען נִישְׁט רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן, וָואס נֶעמְט אַוֶועק דִי מֹחַ, קָאפּ און הַארְץ, עֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי תְּמִימוּת - אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דָאס טָאר מֶען נִישְׁט הָאבְּן.

אֲפִילוּ מִיט אַ פִילְטֶער אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, טֶעבְּלֶעט וְכוּ' - וָואס לָאזְט נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין דִי גָאר שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן - אִיז מֶען נָאכְֿאלְץ אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, וַוייל עֶס קִילְט אָפּ דִי אֱמוּנָה, עֶס קִילְט אָפּ דִי יִרְאַת שָׁמַיִם, דִי וָואס הָאבְּן דָאס - זֵיי וֵוייסְן גָאר גוּט, טִיף אִין הַארְצְן וֵוייסְן זֵיי אַז דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין גוּטֶע זַאךְ, נָאר דִי נִסָּיוֹן אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק, עֶס צִיט זֵייעֶר, און עֶס אִיז זֵייעֶר בַּאקְוֶועם, און אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ דֶעם - קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער שֵׁיידְן דֶערְפוּן; נָאר אֵיין עֵצָה בְּלַייבְּט אִיבֶּער צוּ קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם, דוּרְךְ 'תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת', מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל צוּרִיק מַיין רֵיינְקֵייט און מַיין אֵיידְלְקֵייט, אִיךְ בִּין פַארְקְרָאכְן, אִיךְ הָאבּ אַ טֶעלֶעפָאן וָואס צִיט מִיךְ צוּ דְבָרִים בְּטֵלִים און לֵיצָנוּת, עֶס צִיט מִיךְ צוּ נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ אַלֵיינְס וֵוייס גוּט אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָפְּגֶעקִילְט פוּן דִיר, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט דִי תְּמִימוּת פוּן אַמָאל בַּיים לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען, אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין חֵשֶׁק בַּיים טוּן מִצְוֹת, אַמָאל אִיז דָאס גֶעוֶוען מִיט שִׂמְחָה און הִתְלַהֲבוּת; אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן קַאלְט, אִיךְ פַאל, אִיךְ בִּין נִישְׁט אִין אַ גוּטֶע פְּלַאץ, אִיךְ בֶּעט דִיךְ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר כֹּחַ אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן עֶס אַוֶועק צוּ וַוארְפְן און זִיךְ פִירְן ווִי דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן, הֶעלְף מִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אִיךְ זָאל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, זִיךְ פִירְן מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, און נִישְׁט הֶערְן קֵיין דְרָשׁוֹת שֶׁל דֹּפִי, נִישְׁט הֶערְן אִינְטֶערְוְויוּס פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס הַאלְטְן זִיךְ קְלִיגֶער פוּן דִי עֶרְלִיכֶע רַבָּנִים"; נָאר דִי עֵצָה בְּלַייבְּט אִיבֶּער, צוּ בֶּעטְן דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג נָאךְ טָאג מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען בְּלַייבְּן מִיט דִי עֶרְלִיכְקֵייט, מִיט דִי תְּמִימוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוֹיפְבּוֹיעֶן פִיר כִּיתּוֹת אִין מַחֲנֶה אִילָן הַחַיִּים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ז אִיָּר, ער״ח סִיוָן מֻקְדָּם, שְׁנַת תשפ״ו

**שַׁבְּתַי מַארְקוּס נֵרוֹ יָאִיר, ווילְיַאמְסְבּוּרְג**

אִיךְ דַאנְק דִיךְ זֵייעֶר פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הֶעלְפְּסְט מִיר, אוּן וָואס דוּ טוּסְט פַאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, סַיי מִיטְן צָאלְן דִי רֶענְט פַאר דִי יְשִׁיבָה אִין שְׁטָאט, אוּן סַיי פַארְן "קֶרֶן הַבִּנְיָן", פַארְן שַׁאפְן דִי גֶעלְט פַאר דִי בִּנְיָנִים אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.

יֶעדֶע מָאל אִיךְ בִּין אִין שְׁטֶעטְל אוּן אִיךְ גֵיי בַּאזוּכְן דִי חֵדֶר - דֶערְקְוִויקְט מִיר מַיין הַארְץ צוּ זֶען דִי שֵׁיינֶע שְׁטָאק וָואס מֶען הָאט אוֹיפְגֶעבּוֹיט; אַזַא רַחֲבוּת, אַזַא בַּאקְוֶועמְקֵייט, לִיכְטִיג אוּן לוּפְטִיג, מַמָּשׁ אַ מְחַיֶּה.

אוֹיךְ יֶעצְט וֶוען דוּ הָאסְט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען מִיט דַיין שׁוּתָּף אֲשֶׁר בֶּער אִינְדָארְסְקִי נֵרוֹ יָאִיר, צוּ אוֹיפְבּוֹיעֶן פִיר כִּיתּוֹת אִין מַחֲנֶה אִילָן הַחַיִּים, פַאר דִי קִינְדֶער צוּ לֶערְנֶען זוּמֶער אִין וַואלְד; ווארוּם אִיז דִיר, ווארוּם אִיז עֶנְקֶער חֵלֶק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ אוּן חֵן, אַז דוּ אוּן דַיין שׁוּתָּף, עֶנְק זָאלְן קֶענֶען וַוייטֶער זַיין דִי גוּטֶע שְׁלוּחִים צוּ בּוֹיעֶן דִי מוֹסְדוֹת, עֶנְק זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ נַחַת פוּן עֶנְקֶערֶע דוֹרוֹת.

יֶעצְט שָׁבוּעוֹת אִיז דָאךְ דַיין יוֹם טוֹב, אִיךְ גֶעדֶענְק אַז דוּ בִּיסְט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן יָארְן צוּרִיק אִין אַן עֶרֶב שָׁבוּעוֹת פָארְנְדִיג קַיין קִרְיַת יוֹאֵל, אוּן אוֹיפְן וֶועג הָאסְטוּ אוֹיסְגֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר פוּן יְשִׁיבָה, הֲכָנָה לְקַבָּלַת הַתּוֹרָה, אוּן דָאס הָאט דִיר אוֹיפְגֶעפְלַאקֶערְט דַיין הַארְץ צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַשְׁרֵינוּ...

...

**אַ בַּאקְוֶועמֶע טֶעלֶעפָאן אָדֶער נִישְׁט?**

**אַ וַוייבְּל, אַ מַאמֶע פוּן קִינְדֶער פְרֶעגְט:**

אִיךְ גֵיי זִיךְ קוֹיפְן אַ טֶעלֶעפָאן, וֶועלְכֶע אִיז רִיכְטִיג צוּ קוֹיפְן - אַ טֶעלֶעפָאן וָואס אִיז בֶּעסֶער אוּן בַּאקְוֶועמֶער, אָדֶער אַ קְלֶענֶערֶע וָואס אִיז בִּילִיגֶער אָבֶער נִישְׁט אַזוֹי בַּאקְוֶועם?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט:**

דִי פָּשׁוּטְ׳עֶ אוּן דִי נִישְׁט בַּאקְוֶועמֶע, אַז עֶס זָאל נִישְׁט צִיעֶן צוּ זַיין אוֹיף דֶעם.

...

**אַ סְמַארְטְפָאוֹן מִיט הִתְקָרְבוּת צוּם רֶבִּי׳ן גֵייט נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ו אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ ווִיל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אַבִּיסְל מַיין הַארְץ; אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן פַאר דִיר, אַזוֹיפִיל בִּזְיוֹנוֹת גֶעלִיטְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ דִיר אַזוֹיפִיל יָארְן אוֹיפְגֶעצוֹיגְן ווִי אַן אֵייגְן קִינְד, שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעבְּרֶענְגְט דַיין שִׁידוּךְ, זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעזָארְגְט פַאר דִיר, אוּן נָאךְ יֶעצְט; אִיךְ הָאבּ אַ גֶעפִיל אַז דוּ הָאסְט עֶפֶּעס אַ נִישְׁט גוּטֶע זַאךְ בַּאהַאלְטְן, אָדֶער אַ טֶעלֶעפָאן, אָדֶער אַ טֶעבְּלֶעט, לֶעפְּטַאפּ וְכַדּוֹמֶה; וָואס מַאכְט מִיךְ טְרַאכְטְן? ווייל אִיךְ זֶע דִיךְ מֶער נִישְׁט, אִיךְ זֶע דוּ הָאסְט זִיךְ אָפְּגֶעקִילְט.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (עֲבוֹדָה זָרָה יז:), וֶוען מֶען הָאט גֶעכַאפְּט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן פַּרְטָא אוּן מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: ״הֵיתָּכֵן דוּ לֶערְנְסְט תּוֹרָה וֶוען דִי גֶעזֶעץ לָאזְט נִישְׁט, אוּן הֵיתָּכֵן דוּ בִּיסְט אַ רוֹיבֶּער, דוּ גַנְבְ׳סְט?״ הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: דִי צְוֵויי זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם, ״אִי סַיָּפָא לָא סָפְרָא״, אוֹיבּ בִּין אִיךְ אַ גַנָּב - לֶערְן אִיךְ נִישְׁט, ״וְאִי סָפְרָא לָא סַיָּפָא״, אוּן אוֹיבּ לֶערְן אִיךְ - בִּין אִיךְ נִישְׁט קֵיין גַנָּב, דָאס גֵייט נִישְׁט

אִינְאֵיינֶעם; דָאס זָאג אִיךְ דִיר, דָאס גֵייט נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם; אַ סְמַארְטְפָאוֹן מִיט הִתְקַרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן – גֵייט נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם, לֵיצָנוּת, נִאוּף, אֲבִיזַרְיְיהוּ דְגִלּוּי עֲרָיוֹת גֵייט נִישְׁט מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, דוּ פְלֶעגְסְט קוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים, דוּ פְלֶעגְסְט זִיךְ צוּהֶערְן צוּ דִי שְׁמוּעֶסְן פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן שׁוֹין לַאנְגֶע וָואכְן וָואס אִיךְ הֶער נִישְׁט פוּן דִיר, אוּן אִיךְ זֶע דִיךְ נִישְׁט, קוּמְסְט מֶער נִישְׁט אִין שׁוּל; אוֹי רַייסְט מִיר מַיין הַארְץ, אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַזוֹי גֶעוָואלְט זֶען עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת בַּיי מַיינֶע תַּלְמִידִים, וָואס וֶועט זַיין...

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, בִּיסְט מִיר אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין הַארְץ, אוֹיבּ אִיז אֱמֶת וָואס אִיךְ טְרַאכְט, בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, נֶעם אַ הַאמֶער, נֶעם אַ הַאק, אוּן צֶעבְּרֶעךְ דִי עֲבוֹדָה זָרָה, זַיי מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן (דְּבָרִים יב, ג): "וְנִתַּצְתֶּם אֶת מִזְבְּחֹתָם, וְשִׁבַּרְתֶּם אֶת מַצֵּבֹתָם, וַאֲשֵׁרֵיהֶם תִּשְׂרְפוּן בָּאֵשׁ", אוּן קוּם צוּרִיק, קוּם אִין שׁוּל; וִוי קֶען זַיין אַ אִיד קוּמְט נִישְׁט אִין שׁוּל? קוּם אִין שׁוּל, קוּם דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, קוּם צוּ אַ שִׁיעוּר, נֶעם זִיךְ אַ חַבְרוּתָא, קְלֶעבּ זִיךְ צוּרִיק צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, חַדֵּשׁ יָמֵינוּ כְּקֶדֶם, בַּאנֵיי זִיךְ אִין לִימּוּד הַתּוֹרָה; מִיר גֵייעֶן מְקַבֵּל זַיין יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת דִי תּוֹרָה, מוֹהַרנַ"ת הָאט גֶעטַאנְצְן שָׁבוּעוֹת מִיט דִי תּוֹרָה: "אַ נֵייעֶ תּוֹרָה, אַ נֵייעֶ תּוֹרָה!"

אוּן אוֹיבּ אִיז דָאס נָאר אַ חָלוֹם, וִויל אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ קֶען אִיךְ דִיר עֶפֶּעס הֶעלְפְן, וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אַז מֶען זֶעט דִיךְ מֶער נִישְׁט? הַלְוַואי חָלוֹם אִיךְ, הַלְוַואי הָאסְטוּ גָארְנִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶס.

וִוי עֶס זָאל נָאר זַיין, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר גֶעבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן אוּן טוּן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט צוּ טוּן, מְחַזֵּק זַיין בָּחוּרִים אוּן אַבְרֵכִים וְכוּ'.

...

**נִשְׁט אַרײַנְלָאזְן גֶעלְט גײעֶר אִין זַאל ?**

**אַ אִינְגֶערְמַאן פְרֶעגְט :**

אִיךְ מֶעג שְׁטֵיין בַּיי דִי טִיר פוּן אַ זַאל צוּ גֶעבְּן צְדָקָה פַאר מְשׁוּלָחִים אִין נָאמֶען פוּנֶעם מְחוּתָּן אוּן נִשְׁט אַרײַנְלָאזְן מְשׁוּלָחִים אִינֶעם זַאל?

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט :**

נֵיין, חַס וְשָׁלוֹם.

...

**ווִי אַזוֹי וָואלְט אִיךְ גֶעשְׁפִּירְט וֶוען מַיין קִינְד טוּט דָאס**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ז אִיָּיר, ער״ח סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הָרַב ... שְׁלִיטָ״א**

הַיינְט אִיז אַ טָאג וָואס אַלֶע בֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער, מֶען לוֹיפְט צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים, מֶען זָאגְט יוֹם כִּיפּוּר קָטָן אוּן מֶען וֵויינְט זִיךְ אוֹיס מִיט תְּפִלַּת הַשְּׁלָ״ה.

אִיךְ ווֵייס פוּן דַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אִיךְ טְרַאכְט אַן עֵצָה פַאר דִיר, יֶעדֶע מָאל דוּ ווִילְסְט גֵיין אִין קִיאַסְק קוּקְן וְכוּ׳ - זָאלְסְט טְרַאכְטְן : ׳ווִי אַזוֹי וָואלְט אִיךְ גֶעשְׁפִּירְט וֶוען מַיין זוּן אָדֶער מַיין טָאכְטֶער טוּעֶן דָאס ? ווִי אַזוֹי וֶועל אִיךְ רֶעאַגִירְן ? וָואס וֶועל אִיךְ טוּן ?׳

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט, אֲפִילוּ דוּ טוּסְט עֶס בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט - וֶועט זַיין פַאר דַיינֶע קִינְדֶער שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, דָאס וָואס דוּ ווִילְסְט אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין - דָאס דַארְפְסְטוּ טוּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת ספר חֵלֶק ב, סִימָן ה) : ״מִי שֶׁאֵין מִסְתַּכֵּל עַל נָשִׁים״, וֶוער עֶס הִיט זַיינֶע אוֹיגְן, ״זוֹכֶה שֶׁזַּרְעוֹ יְחַבְּרוּ פֵּרוּשִׁים עַל הַתּוֹרָה״, אִיז זוֹכֶה צוּ קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָואס וֶועלְן אַרוֹיסְגֶעבְּן סְפָרִים, שְׁרַייבְּן חִידּוּשֵׁי תּוֹרָה.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, פוּן יֶעצְט זָאלְסְטוּ מֶער נִשְׁט אַרִיבֶּערְטְרֶעטְן דִי שְׁוֶועל פוּן אַ קִיאַסְק, גֵיי מֶער

נִישְׁט אַהִין, זַיי מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה; דוּ בִּיסְט דָאךְ אַזַא גוּטֶער מֶענְטְשׁ, הָאסְט אַזֶעלְכֶע אֵיידְלְקֵייטְן, הָאסְט אַזַא גוּטֶע נַאטוּר, מִיט אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, הָאסְט אַ וואוּילֶע וַוייבּ מִיט זִיסֶע קִינְדֶער, גֵיי מֶער נִישְׁט קוּקְן וְכוּ׳, טוּ עֶס פַאר דַיינֶע קִינְדֶער; אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן אוּן אִיךְ וִויל נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן דִי צַעַר וָואס אַ טַאטֶע מַאמֶע גֵייעֶן אַרִיבֶּער וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי דִי קִינְדֶער נֶעמֶען דִי סְמַארְטְפָאוֹן וְכוּ׳, אָדֶער גֵייעֶן קוּקְן וְכוּ׳.

הֵייבּ אָן מִשְׁנַיוֹת, זָאג יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת מִיט דֶעם יוֹם תְּהִלִּים; דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר אוֹיסְוַואשְׁן דַיין נְשָׁמָה, עֶס וֶועט דִיךְ מַאכְן פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אוּן זַיי מַקְפִּיד צוּ דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אִיךְ וֵויס אַז דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט, דוּ בִּיסְט פָּשׁוּט גֶעפַאנְגֶען - אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין תְּפִיסָה, אָבֶער מִיט דִי חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן צַדִיק - קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע תְּפִיסוֹת.

...

## תְּפִלַּת הַשְּׁלָ״ה עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ז אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן [מֻקְדָּם] אִיז אַ טָאג וָואס מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, דֶער הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער שְׁלָ״ה הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (מַסֶּכֶת תָּמִיד פֶּרֶק נֵר מִצְוָה, אוֹת קלב-קלג): ״לִבִּי אוֹמֵר״, מַיין הַארְץ זָאגְט מִיר אַז עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן אִיז אַ גוּטֶע צַייט צוּ זָאגְן דִי תְּפִלָּה צוּ בֶּעטְן אוֹיף קִינְדֶער; דֶער שְׁלָ״ה הַקָּדוֹשׁ הָאט אַ תְּפִלָּה, אַ מוֹרָא׳דִיגֶע תְּפִלָּה צוּ בֶּעטְן פַאר עֶרְלִיכֶע גֶעךָאטֶענֶע דוֹרוֹת.

אִיךְ שִׁיק דִיר דָא דִי תְּפִלָּה, זָאלְסְט דָאס זָאגְן מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן, אוֹיךְ דַיין וַוייבּ זָאל דָאס זָאגְן מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן:

**״אַתָּה הוּא ה׳ אֱלֹקֵינוּ עַד שֶׁלֹּא בָרָאתָ הָעוֹלָם, וְאַתָּה הוּא אֱלֹקֵינוּ מִשֶּׁבָּרָאתָ הָעוֹלָם, וּמֵעוֹלָם וְעַד עוֹלָם אַתָּה אֵ-ל, וּבָרָאתָ עוֹלָמְךָ בִּגִין לְאִשְׁתְּמוֹדַע אֱלָקוּתָךְ**

בְּאֶמְצָעוּת תּוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, בְּרֵאשִׁית – בִּשְׁבִיל תּוֹרָה וּבִשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל, כִּי הֵם עַמְּךָ וְנַחֲלָתְךָ אֲשֶׁר בָּחַרְתָּ בָּהֶם מִכָּל הָאֻמּוֹת, וְנָתַתָּ לָהֶם תּוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה, וְקֵרַבְתָּם לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל. וְעַל קִיּוּם הָעוֹלָם וְעַל קִיּוּם הַתּוֹרָה בָּאוּ לָנוּ מִמְּךָ ה׳ אֱלֹקֵינוּ שְׁנֵי צִוּוּיִים: כָּתַבְתָּ בְּתוֹרָתְךָ פְּרוּ וּרְבוּ, וְכָתַבְתָּ בְּתוֹרָתְךָ וְלִמַּדְתֶּם אֹתָם אֶת בְּנֵיכֶם, וְהַכַּוָּנָה בִּשְׁתֵּיהֶן אַחַת, כִּי לֹא לְתֹהוּ בְרָאתָהּ כִּי אִם לָשֶׁבֶת, וְלִכְבוֹדְךָ בְּרָאתָ יְצַרְתָּ אַף עָשִׂיתָ, כְּדֵי שֶׁנִּהְיֶה אֲנַחְנוּ וְצֶאֱצָאֵינוּ וְצֶאֱצָאֵי כָּל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל יוֹדְעֵי שְׁמֶךָ וְלוֹמְדֵי תוֹרָתֶךָ.

וּבְכֵן אָבוֹא אֵלֶיךָ ה׳ מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים, וְאַפִּיל תְּחִנָּתִי, וְעֵינַי לְךָ תְּלוּיוֹת עַד שֶׁתְּחָנֵּנִי וְתִשְׁמַע תְּפִלָּתִי לְהַזְמִין לִי בָּנִים וּבָנוֹת, וְגַם הֵם יִפְרוּ וְיִרְבּוּ הֵם וּבְנֵיהֶם וּבְנֵי בְנֵיהֶם עַד סוֹף כָּל הַדּוֹרוֹת לְתַכְלִית שֶׁהֵם וַאֲנִי כֻּלָּנוּ יַעַסְקוּ בְּתוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה לִלְמֹד וּלְלַמֵּד לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם אֶת כָּל דִּבְרֵי תַלְמוּד תּוֹרָתְךָ בְּאַהֲבָה, וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ וְדַבֵּק לִבֵּנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ לְאַהֲבָה וּלְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ.

אָבִינוּ אָב הָרַחֲמָן, תֵּן לְכֻלָּנוּ חַיִּים אֲרוּכִים וּבְרוּכִים, מִי כָמוֹךָ אָב הָרַחֲמִים זוֹכֵר יְצוּרָיו לְחַיִּים בְּרַחֲמִים, זָכְרֵנוּ לְחַיִּים נִצְחִיִּים, כְּמוֹ שֶׁהִתְפַּלֵּל אַבְרָהָם אָבִינוּ לוּ יִחְיֶה לְפָנֶיךָ, וּפֵרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, בְּיִרְאָתֶךָ. כִּי עַל כֵּן בָּאתִי לְבַקֵּשׁ וּלְחַנֵּן מִלְּפָנֶיךָ שֶׁיְּהֵא זַרְעִי וְזֶרַע זַרְעִי עַד עוֹלָם זֶרַע כָּשֵׁר, וְאַל יִמָּצֵא בִי וּבְזַרְעִי וּבְזֶרַע זַרְעִי עַד עוֹלָם שׁוּם פְּסוּל וָשֶׁמֶץ, אַךְ שָׁלוֹם וֶאֱמֶת וְטוֹב וְיָשָׁר בְּעֵינֵי אֱלֹקִים וּבְעֵינֵי אָדָם, וְיִהְיוּ בַּעֲלֵי תוֹרָה, מָארֵי מִקְרָא, מָארֵי מִשְׁנָה, מָארֵי תַלְמוּד, מָארֵי רָזָא, מָארֵי מִצְוָה, מָארֵי גוֹמְלֵי חֲסָדִים, מָארֵי מִדּוֹת תְּרוּמִיּוֹת, וְיַעַבְדוּךָ בְּאַהֲבָה וּבְיִרְאָה פְּנִימִית, לֹא יִרְאָה חִיצוֹנִית, וְתֵן לְכָל גְּוִיָּה וּגְוִיָּה מֵהֶם דֵּי מַחְסוֹרָהּ בְּכָבוֹד, וְתֵן לָהֶם בְּרִיאוּת וְכָבוֹד וָכֹחַ, וְתֵן לָהֶם קוֹמָה וְיֹפִי וְחֵן וָחֶסֶד, וְיִהְיֶה אַהֲבָה וְאַחֲוָה וְשָׁלוֹם בֵּינֵיהֶם, וְתַזְמִין לָהֶם זִוּוּגִים הֲגוּנִים מִזֶּרַע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים מִזֶּרַע צַדִּיקִים, וְגַם זִוּוּגָם יִהְיוּ כְּמוֹתָם כְּכָל אֲשֶׁר הִתְפַּלַּלְתִּי עֲלֵיהֶם, כִּי זִכָּרוֹן אֶחָד עוֹלֶה לְכָאן וּלְכָאן.

אַתָּה ה׳ יוֹדֵעַ כָּל תַּעֲלוּמוֹת, וּלְפָנֶיךָ נִגְלוּ מַצְפּוּנֵי לִבִּי, כִּי כַוָּנָתִי בְּכָל אֵלֶּה לְמַעַן שִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ וּלְמַעַן תּוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה, עַל כֵּן עֲנֵנִי ה׳ עֲנֵנִי בַּעֲבוּר הָאָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, וּבִגְלָלָם תּוֹשִׁיעַ בָּנִים לִהְיוֹת הָעֲנָפִים דּוֹמִים לְשָׁרְשָׁם, וּבַעֲבוּר דָּוִד עַבְדְּךָ רֶגֶל רְבִיעִי בַּמֶּרְכָּבָה, הַמְשׁוֹרֵר בְּרוּחַ קָדְשֶׁךָ.

שִׁיר הַמַּעֲלוֹת, אַשְׁרֵי כָּל יְרֵא ה׳ הַהֹלֵךְ בִּדְרָכָיו: יְגִיעַ כַּפֶּיךָ כִּי תֹאכֵל אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ: אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פֹּרִיָּה בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ, בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ: הִנֵּה כִי כֵן יְבֹרַךְ גָּבֶר יְרֵא ה׳: יְבָרֶכְךָ ה׳ מִצִּיּוֹן, וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָיִם, כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ: וּרְאֵה בָנִים לְבָנֶיךָ, שָׁלוֹם עַל יִשְׂרָאֵל.

אָנָּא ה׳ שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה, יְקֻיַּם בָּנוּ הַפָּסוּק, וַאֲנִי זֹאת בְּרִיתִי אוֹתָם אָמַר ה׳, רוּחִי אֲשֶׁר עָלֶיךָ וּדְבָרַי אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְּפִיךָ, לֹא יָמוּשׁוּ מִפִּיךָ וּמִפִּי זַרְעֲךָ וּמִפִּי זֶרַע זַרְעֲךָ אָמַר ה׳ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה׳ צוּרִי וְגֹאֲלִי״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ז אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, מִיר גֵייעֶן זוֹכֶה זַיין נָאכְאַמָאל פוּנְדָאסְנֵיי מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוּן מִיר דַארְפְן מִתְפַּלֵל זַיין אַז מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן בַּיים רֶבִּי׳ן, אוּן אוֹיךְ אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת; עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין גַארַאנְטִי אַז מֶען בְּלַייבְּט בַּיים רֶבִּי׳ן מִיט דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, מֶען מוּז אַסַאךְ בֶּעטְן אוֹיף דֶעם.

שָׁבוּעוֹת אִינְדֶערְפְרִי נָאךְ שַׁחֲרִית זָאגְט מֶען דִי הֵיילִיגֶע ׳אַקְדָמוּת׳, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר פַארְבֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רנו), דִי ׳אַקְדָמוּת מִיט דִי נִיגוּן׳ בְּרֶענְגְט אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקֶענִישׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען הֵייבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּ זַיין אַ צַדִּיק, אוּן וֶוען מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דֶעם אִיד, אוּן וָואס וַוארְט אוּנְז אָפּ וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען: ״בְּלָא שָׁלְטָא בֵיהּ עֵין, בְּגוֹ עֵדֶן גִּנְתָּא, מְטַיְּילֵי בֵיהּ חִנְגָּא, לְבַהֲדֵי דִשְׁכִינְתָּא״, אוּן צוּ דֶעם קֶען מֶען שׁוֹין הַיינְט זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ דִי עֵצוֹת פוּן דִי צַדִּיקִים וָואס לֶערְנֶען מִיט אוּנְז וָואס מָשִׁיחַ וֶועט לֶערְנֶען

מִיט אוּנְז, אַז מֶען קֶען שְׁפַּאצִירְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, אִים דֶערְצֵיילְן וִוי שְׁטַארְק מֶען וויל זַיין עֶרְלִיךְ אוּן גוּט, אוּן וִוי שְׁטַארְק מֶען בֶּענְקְט זִיךְ צוּ זַיין גוּט, "הֲדָרָא דְלָא אֶפְשַׁר, לְמִפְרַט בְּשִׂפְוָתָא, וְלָא אִשְׁתְּמַע וְחָמֵי, נְבִיאָן חֶזְוָתָא" דָאס שֵׁיינְקֵייט אוּן דָאס הֵיילִיגְקֵייט קֶען מֶען נִישְׁט אַרוֹיפְּבְּרֶענְגֶען אוֹיף דִי לִיפְּן אוּן דָאס וֵוייסְט קֵיינֶער נִישְׁט.

מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל בְּלַייבְּן דָבוּק צוּ צַדִיקֵי אֱמֶת, "קְבִיעִין כֵּן תֶּהֱוּוֹן, בְּהַנְהוּ חֲבוּרָתָא, וְתִזְכּוּן דִי תֵיתְבוּן, בְּעֵילָא דָרָתָא", מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן דִי גֶעפִיל צוּ צַדִיקִים, אוּן אוֹיךְ דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן מִיט דִי צַדִיקֵי אֱמֶת וָואס קְלֶעבְּן אוּנְז צוּ צוּ דִי תּוֹרָה אוּן צוּ דִי אֱמוּנָה מִיט זֵייעֶרֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק, אַז אוֹיךְ אוּנְז פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן זָאלְן הָאבְּן אַ הַשָּׂגָה אִין גֶעטְלִיכְקֵייט, מִיר זָאלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיט אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, מִיט אַ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין דִי תּוֹרָה.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין שְׁטוּבּ, נֶעם מֶער נִישְׁט אַריין קֵיין קָאפְּלְס, יֶעצְט אִיז דִי צַייט צוּ זָארְגְן פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן אֲפִילוּ מֶען קֶען אוֹיפְּטוּן - קֶען מֶען אוֹיךְ פַארְדַארְבְּן, גֶעעֶנְדִיגְט מִיט אַרַיין נֶעמֶען קָאפְּלְס; דוּ הָאסְט בָּחוּרִים אִין שְׁטוּבּ דַארְפְסְטוּ זָארְגְן פַאר זֵייעֶר יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן אֲפִילוּ אָן דִי בָּחוּרִים וָואלְטְן עֶנְק גֶעדַארְפְט אַוֶועק שְׁטֶעלְן פְּרִינְצִיפְּן אַז וֶוען מֶען קוּמְט צוּ עֶנְק אַיינְשְׁטֵיין וְכוּ' דַארְף מֶען קוּמֶען מִיט צְנִיעוּת, עֶס אִיז אַן עֶקֶל אוּן אַ גְרוֹיל וִוי אַזוֹי דִי קָאפְּלְס קוּמֶען צוּ עֶנְק אִין שְׁטוּבּ, קוּרְץ, אוּן דוּרְכְזִיכְטִיגֶע שְׁטְרִימְפּ, מַמָּשׁ גוֹעֵל נֶפֶשׁ, דָאס אִיז נִישְׁט קֵירוּב, דָאס אִיז בִּיטוּל זְמַן, אִין אִידִישׁ זָאגְט מֶען: "אַ שָׁאד דִי צַייט"; אוּן זִיכֶער אַז דוּ הָאסְט בָּחוּרִים יִרְאֵי שָׁמַיִם אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ מַאכְן דִי סָארְט מִצְוֹת יֶעצְט, פַארְשְׁלִיס דַיין שְׁטוּבּ, גֶעעֶנְדִיגְט מִיט דִי זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי הַצְלָחָה פוּן אַ שׁוּל אִיז נָאר לִיבְּשַׁאפְט אוּן אַחְדוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ח אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע לִיבֶּע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ פוּן יְרוּשָׁלַיִם**

אַזוֹי וִוי אֵיינֶע פוּן דִי גַבָּאִים הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעצוֹיגְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם קַיין בֵּית שֶׁמֶשׁ וִויל אִיךְ מְמַנֶּה זַיין אִין אוּנְזֶער שׁוּל אַ נֵייעֶר גַבְּאַי, הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר יִשְׂרָאֵל יוֹזְשֶׁעף נֵרוֹ יָאִיר וָואס וֶועט פִירְן דִי שׁוּל אִינְאֵיינֶעם מִיט ר׳ יִצְחָק שְׁמוּאֵל פְרֶענְקֶל נֵרוֹ יָאִיר.

טַייעֶרֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, גֶעדֶענְקְט אַז דִי הַצְלָחָה פוּן אַ שׁוּל אִיז נִישְׁט אַ גוּטֶער בַּעַל דַרְשָׁן, אַ גוּטֶער פָארְלֶערְנֶער אוּן גוּטֶע חַזָּנִים, נָאר אֵיין זַאךְ דַארְף מֶען אִין אַ שׁוּל - לִיבְּשַׁאפְט אוּן אַחְדוּת, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט, אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיב הָאבְּן וֶועט מֶען אִים מַמְשִׁיךְ זַיין דָארְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן קפז), אוּן אַז מֶען רֶעדְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער אוּן מֶען גְלֵייבְּט אִין רֶבִּי׳ן - קֶען מֶען שְׁפִּירְן אַ לוֹיטֶערֶע לוּפְט, וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט הֲפָצָה, יֶעצְט קוּמְט דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה לז:), בַּיי קַבָּלַת הַתּוֹרָה הָאבְּן דִי אִידְן מְקַבֵּל גֶעוֶוען עֲרֵבוֹת אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן; דֶערִיבֶּער לִיגְט אוֹיף אוּנְז אַ פְלִיכְט, מִיר דַארְפְן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים פַאר אַנְדֶערֶע, בִּפְרַט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואוּ דִי עֶרֶב רַב הָאבְּן גֶענוּמֶען מִילְיָאנֶען אִידְן אוּן זֵיי אוֹיסְגֶע׳שְׁמַד׳ט, מִילְיָאנֶען אִידְן זֶענֶען דֶערְוַוייטֶערְט פוּן דִי תּוֹרָה, אוּן זֵייעֶר נְשָׁמָה שְׁרֵייט, זֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת וֵויינֶען: ״מִיר ווִילְן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן״; אוּן מִיטְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, מִיטְן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, מִיט דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא״שׁ - קֶען מֶען זֵיי אַלֶע מַחְזִיר זַיין לִתְשׁוּבָה.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## פְרֶעגְן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ אַלֶע שְׁאֵלוֹת און סְפֵיקוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ח אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ זֶען וִוי דוּ פִירְסְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם און מִידּוֹת טוֹבוֹת, אִיךְ הֶער צוּרִיק גְרִיסְן פוּן דַיינֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּר אַז דוּ בִּיסְט עֶרְלִיךְ און אֵיידְל, אִיךְ וִויל דִיר זָאגְן אַז דוּ מַאכְסְט מִיר אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ, דוּ מַאכְסְט מִיךְ פְרֵיילִיךְ, דוּ מַאכְסְט מִיר גוּט.

יֶעצְט קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, מִיר גֵייעֶן נָאכְאַמָאל מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה. מִיר גֶעפִינֶען בַּיי קַבָּלַת הַתּוֹרָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה דוּרְךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ; דָאס לֶערְנְט אוּנְז, אַז מֶען וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה - מוּז עֶס גֵיין דוּרְךְ אַ צַדִּיק, דוּרְךְ אַ רֶבִּי, מֶען מוּז הָאבְּן בִּיטוּל צוּ אַ רֶבִּי, מֶען קֶען נִישְׁט מִיט דִי אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דֶערִיבֶּער יֶעצְט שָׁבוּעוֹת זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן אַ צַדִּיק, אַ רֶבִּי - וֶועם דוּ קֶענְסְט פְרֶעגְן דַיינֶע שְׁאֵלוֹת און סְפֵיקוֹת, און וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, וַוייל פוּן דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאכְן צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה - אִיז צוּ הָאבְּן אַ רָב און אַ דַיָּין וָואס זָאל מַדְרִיךְ וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין לֶעבְּן, וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן דִי שְׁטוּבּ, וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן דִי גֶעשֶׁעפְטְן, און אַזוֹי וַוייטֶער; אַלֵיינְס מִיט דִי אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל - קֶען מֶען פַארְקְרִיכְן.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מֶען אִיז יוּנְג, אַז מֶען גֵייט נָאךְ דִי אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל - קֶען מֶען מַאכְן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן וָואס פַארְדְרֵייט דִי לֶעבְּן, און שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען זֵייעֶר חֲרָטָה; מֶען מוּז הָאבְּן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ אִין לֶעבְּן, אַ רָב, אַ דַיָּין, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - וֶועם מֶען פְרֶעגְט און מֶען פָאלְגְט.

אוֹיךְ אַז מֶען גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועֶרֶע נִסְיוֹנוֹת, מֶען דַארְף הִילְף, מֶען דַארְף עֵצוֹת, און מֶען שֶׁעמְט זִיךְ צוּ פְרֶעגְן וָואס צוּ טוּן און וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן וְכוּ'; אוֹיבּ מֶען בְּרֶעכְט דוּרְךְ דִי בּוּשָׁה, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דֶעם אַז מֶען וֶועט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קִינְדֶער צַדִּיקִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן סו): "מִי שֶׁהוּא מַקְטִין אֶת עַצְמוֹ בִּפְנֵי רַבּוֹ, וְשׁוֹאֵל מִמֶּנּוּ כָּל הַסְּפֵקוֹת", וֶוער עֶס פְרֶעגְט אַלֶע זַיינֶע סְפֵיקוֹת פוּן זַיין רֶבִּי, "אַף עַל

פִּי שֶׁרַבּוֹ מְבַיֵּשׁ אוֹתוֹ", און אֲפִילוּ זַיין רֶבִּי פַארְשֶׁעמְט אִים פְרֶעגְט עֶר נָאכְאַלְץ זַיינֶע שְׁאֵלוֹת און סְפֵיקוֹת - "עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה, שֶׁיּוֹצֵא מִמֶּנּוּ בֵּן שֶׁהוּא גָּדוֹל בַּתּוֹרָה יוֹתֵר מֵרַבּוֹ", וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין גְרֶעסֶערֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים ווי זַיין רֶבִּי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט צוּ לֶערְנֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ח אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט קוּמְט שָׁבוּעוֹת, מִיר גֵייעֶן מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּנְדַאסְנֵיי; עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג דוּ זָאלְסְט זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ גֵיין צוּ שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה, זָאלְסְט הָאבְּן אַ קְבִיעוּת צוּ גֵיין צוּ אַ שִׁיעוּר אִינְדֶערְפְרִי אָדֶער פַארְנַאכְטְס, לֶערְנֶען אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא און אַ שִׁיעוּר אִין הֲלָכָה, וְכַדּוֹמֶה; הַלְוַאי זָאלְסְטוּ גֵיין יֶעדֶע נַאכְט צוּם דַיָּין'ס שִׁיעוּר וָואס עֶר לֶערְנְט פָאר דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, פְרִישֶׁע אַבְרֵכִים דַארְפְן זַיין נָאנְט מִיטְן דַיָּין, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין פַארְגְלַייךְ דֶער וָואס הָאט אַ שִׁיעוּר אִין לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, מִיט דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין שִׁיעוּר, עֶס אִיז צְוֵויי וֶועלְטְן; דֶער וָואס אִיז זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ גֵיין צוּ אַ שִׁיעוּר וואוּ מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אָדֶער הֲלָכָה - וֶועט וֶוערְן מִיט דִי צַייט אַ גְרוֹיסֶער יְרֵא שָׁמַיִם, עֶר וֶועט קֶענֶען בַּייְשְׁטֵיין דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת און עֶר וֶועט הַאלְטְן זַיין שְׁטוּב עֶרְלִיךְ. וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "בָּנַי, בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע", אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, "וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין", און אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דִי תּוֹרָה וָואס גֶעבְּט כֹּחַ צוּ קֶענֶען מְנַצֵּחַ זַיין דֶעם יֵצֶר הָרָע; אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה הָאט מֶען דִי כֹּחַ זִיךְ צוּ קֶענֶען קְרִיגְן מִיטְן יֵצֶר הָרָע און אִים בַּאזִיגְן.

אַז דוּ בִּיסְט פַארְיָאגְט, דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אָן זִיךְ צוּ קֶענֶען מְסַדֵּר זַיין און קוֹבֵעַ זַיין אַ צַייט צוּ גֵיין צוּ אַ שִׁיעוּר, זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְכַאפְּן צַייט - וֶוען

אִימֶער דוּ קֶענְסְט נָאר - צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אַ אִיד אוֹיבּ עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, דֶער אִיד הָאט גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין צַייט צוּ לֶערְנֶען, עֶר אִיז פַארְיָאגְט, עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ זֵייעֶר צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אֲפִילוּ דוּ אַרְבֶּעטְסְט אַ גַאנְצְן טָאג אוּן דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט קוֹבֵעַ זַיין אַ בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט צוּ לֶערְנֶען - דָאךְ זָאלְסְטוּ זֶען אַרוֹיס צוּ כַאפְּן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה"; דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת לא.), וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט פְרֶעגְט מֶען אִים: "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה", צִי עֶר הָאט אַרָאפּ גֶע'גַנֶב'עֶט צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג טְרָאץ זַיינֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן אוּן אִיבֶּערְגֶייאַכְץ, 'קֶבַע' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן 'גְּזֵלָה', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג): "וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ", מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ: "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה", הָאסְט אַרוֹיס גֶעכַאפְּט אִינֶעם פַארְנוּמֶענֶעם טָאג אַפָּאר מִינוּט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה? (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפד).

אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ אוּן אִיךְ וִויל דַיין הַצְלָחָה.

...

## קֵיין אֵיין שְׁלֶעכְט וָוארְט אוֹיף קֵיינֶעם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ שִׂמְחָה נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה; מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵייליךְ, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵייליךְ וֶועט עֶר צוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט.

שִׂמְחָה פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דָאס אִיז דֶער סִימָן וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ מֶעסְטְן צִי עֶר אִיז בַּיי דִי קְדוּשָּׁה, צִי חַס וְשָׁלוֹם בַּיי דִי טוּמְאָה; עֶר זָאל קוּקְן אוֹיבּ עֶר אִיז פְרֵייליךְ, וַוייל שִׂמְחָה

פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת, וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶער זַאךְ אִיז עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה סה, כה): "וְנָחָשׁ עָפָר לַחְמוֹ", עָפָר דָאס אִיז עַצְבוּת וְעַצְלוּת, וָואס דָאס קוּמְט פוּן יְסוֹד הֶעָפָר (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קפט).

יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ, מִיר גֵייעֶן זוֹכֶה זַיין נָאכְאַמָאל צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זָאלְסְטוּ זִיךְ פָארְנֶעמֶען מֶער נִישְׁט צוּ רֶעדְן קֵיין שְׁלֶעכְטְס אוֹיף קֵיין שׁוּם אִיד, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ט, ט), וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין מִדְבָּר אִיז אַלְץ גֶעוֶוען מַחֲלֹקֶת, אוּן וֶוען מֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּם בַּארְג סִינַי - דָארְט הָאבְּן אַלֶע אִידְן שָׁלוֹם גֶעמַאכְט, מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקְרִיגְט, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: "הֲרֵי שָׁעָה שֶׁאֲנִי נוֹתֵן תּוֹרָה לְבָנַי", יֶעצְט אִיז דִי צַייט צוּ גֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה נָאר דוּרְךְ לִיבְּשַׁאפְט אוּן אַחְדוּת; אַז דוּ וֶועסְט קוּקְן מִיט רַחְמָנוּת אוֹיף אַנְדֶערֶע - וֶועט אַוֶועק פַאלְן דִי פַיינְטְשַׁאפְט, דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְקוּמֶען מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם; בִּפְרַט אִין שְׁטוּבּ, דָארְט דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר פַארְלֵייגְן אוּן טוּן אַלֶעס אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם; מִיט דִי עֶלְטֶערְן אוּן מִיט דִי קִינְדֶער אוּן מִיט דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער. זוּךְ נִישְׁט צוּ זַיין גֶערֶעכְט, זוּךְ צוּ מַאכְן שָׁלוֹם - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (פְּסִיקְתָּא דְּרַב כַּהֲנָא יב, יד), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ שָׁלוֹם", פַארְוָועם גֶעבּ אִיךְ אִיר? פַאר דִי וָואס זֶענֶען בְּשָׁלוֹם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ג, יז): "וְכָל נְתִיבוֹתֶיהָ שָׁלוֹם".

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חַבֵר, מִיר שְׁטֵייעֶן נָאכְאַמָאל בַּיים בַּארְג סִינַי, מִיר זֶענֶען מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה; זָאלְסְטוּ אָפְּלָאזְן דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, מַאךְ זִיךְ אַ שְׁטַארְקֶע קַבָּלָה אַז דוּ גֵייסְט נִישְׁט רֶעדְן קֵיין אֵיין שְׁלֶעכְט וָוארְט אוֹיף קֵיינֶעם, דָאס וֶועט דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אוּן קֶענֶען לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן צא): "סְגוּלָה לְהַתְמָדַת הַתּוֹרָה" - נִישְׁט צוּ רֶעדְן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וַוייל נָאר אַז מֶען קוּקְט גוּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם - קֶען מֶען לִיבּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס בְּלַייבְּט, אִיז דוֹרוֹת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**
**מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קוּם נִישְׁט אוֹיף יוֹם טוֹב קַיין אַמֶערִיקֶע, עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ אִיבֶּערְצוּלָאזְן דִי מִשְׁפָּחָה; עֶלְטֶערְן דַארְפְן זַיין יוֹם טוֹב אִין שְׁטוּבּ, אוּן אַז דוּ ווילְסְט זַיין בַּיים הֵיילִיגְן קִיבּוּץ - אִיז אִין אַמֶערִיקֶע גָארְנִישְׁט מֶער ווִי בַּיי עֶנְק אִין בְּנֵי בְּרַק; עֶנְקֶער חַבּוּרָה אִיז אַזוֹי שֵׁיין, קֶענְסְט דָארְט מְקַבֵּל זַיין אַלֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן; וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קפה), "דָארְט וואוּ מֶען וֶועט זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן מֶען וֶועט רֶעדְן פוּן מִיר - דָארְט וֶועל אִיךְ זַיין".

בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער, סְפֶּעצִיעֶל יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן בַּיים הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ - זָאלְסְטוּ זִיךְ מְחַזֵּק זַיין צוּ זַיין מֶער אִין שְׁטוּבּ צוּ קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין דַיינֶע קִינְדֶער, וַוייל וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַּאר דִי אִידְן, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, ד): "הָבִיאוּ לִי עֲרֵבִים טוֹבִים שֶׁתִּשְׁמְרוּהָ", בְּרֶענְגְט מִיר אַ גַארַאנְטִי אַז אִיר וֶועט הִיטְן דִי תּוֹרָה, דִי אִידְן הָאבְּן פְּרוּבִּירְט צוּ בְּרֶענְגֶען עֲרֵבִים, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען, בִּיז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזָאגְט: "בָּנֵינוּ עוֹרְבִים אוֹתָנוּ", אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זֶענֶען אוּנְזֶערֶע גַאראַנְטִיס אַז מִיר וֶועלְן הַאלְטְן דִי תּוֹרָה, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: "הָא וַדַּאי עֲרֵבִים טוֹבִים", דָאס זֶענֶען גוּטֶע גַארַאנְטִיס, "עַל יְדֵיהֶם אֶתְּנֶנָּהּ לָכֶם", בִּזְכוּת דִי קִינְדֶער וֶועל אִיךְ עֶנְק גֶעבְּן דִי תּוֹרָה; אִיז יֶעצְט אִינֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, זְמַן מַתַּן

תּוֹרָתֵנוּ, דַארְפְן מִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

מֶענְטְשְׁן נִיצְן פַּרְנָסָה פַאר אַ תֵּירוּץ אַרָאפּ צוּ נֶעמֶען דִי שׁוּלְד גֶעפִיל אַז מֶען מַאכְט נִישְׁט קֵיין צַייט פַאר דִי קִינְדֶער; עֶס אִיז אָבֶער נִישְׁט רִיכְטִיג, וַוייל אֲפִילוּ מֶען אִיז פַארְיָאגְט צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה - דַארְף מֶען נָאכְאַלְץ מַאכְן צַייט אוֹיסְצוּלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִידוֹת טוֹבוֹת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם. עֶס גֵייט אַרִיבֶּער דִי פָּאר יָאר וָואס מֶען לֶעבְּט, אוּן וָואס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ? גֶעלְט אוּן הַייזֶער בְּלַייבְּט נִישְׁט, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס בְּלַייבְּט - אִיז דוֹרוֹת, אוּן אַז מֶען הָאט שֵׂכֶל, מֶען גֶעבְּט אַוֶועק צַייט אוּן כֹּחַ פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דַאוֶוענֶען, אוֹיסְלֶערְנֶען מַאכְן בְּרָכוֹת, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן אוֹיף זֵיי נָאכְקוּקְן וֶוער זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים זֶענֶען, וואוּ דִי קִינְדֶער זֶענֶען אִין דִי פְרֵייעֶ צַייט - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זֶען שֵׁיינֶע דוֹרוֹת, עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

וְוִיסְן זָאלְסְטוּ, נִישְׁטָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן צוּ הִיטְן דִי תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶס נֶעמְט אַוֶועק פוּן דַיין צַייט, עֶס גֵייט אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. מוֹהַרְנַ"ת הָאט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן זִיךְ צוּ לֵייגְן פְּרִי כְּדֵי צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת, מִיט דֶעם אַלֶעם, וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאט קִינְדֶער אִין שְׁטוּבּ אוּן מֶען הָאט זֵיי גֶעדַארְפְט מְחַנֵךְ זַיין - פְלֶעגְט עֶר אוֹיפְבְּלַייבְּן זֵיי אָפְּוַוארְטְן וֶוען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים פוּן חֵדֶר, פוּן יְשִׁיבָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מִיר אִיז חָשׁוּב דִי עֲבוֹדָה פוּן חִינוּךְ אַזוֹי וִוי דִי עֲבוֹדָה פוּן אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת, קְלָאגְן אוֹיפְן חוּרְבָּן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## זיך בַּאדַאנְקֶען מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן דַיין הִתְנַהֲגוּת אִין יְשִׁיבָה, פוּן דַיין דֶּרֶךְ אֶרֶץ אוּן פוּן דַיין יִרְאַת שָׁמַיִם. אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין, יֶעצְט קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, מִיר גֵייעֶן נָאכְאַמָאל מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה; ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דֶּרֶךְ אֶרֶץ אִיז דִי הַקְדָּמָה צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, א): "דֶּרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה", דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז דֶּרֶךְ אֶרֶץ, זִיךְ אוֹיפְפִירְן שֵׁיין אוּן אֵיידְל, בִּפְרַט צוּ דִי עֶלְטֶערְן, אוּן צוּ דִי זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע; אוּן אַז עֶס קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, מִיר זֶענֶען נָאכְאַמָאל מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה - דַארְפְן מִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין דֶּרֶךְ אֶרֶץ.

פוּן דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאכְן אִיז 'זַיין דַאנְקְבַּאר', זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר יֶעדְן ווָאס טוּט פַאר דִיר. אַז דוּ בִּיסְט בַּיי דַיינֶע עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּב - זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאדַאנְקֶען פַאר זֵיי; ווֶען זֵיי גֶעבְן דִיר עֶסְן - זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען, אוּן ווֶען זֵיי מַאכְן דִיר דִי קְלֵיידֶער - זָאלְסְטוּ זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען, אוּן אַז זֵיי זָארְגְן פַאר דִיר - זָאלְסְטוּ זֵיי דַאנְקֶען מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ; אוּן אַז דוּ בִּיסְט בַּיי דַיין זֵיידֶע בַּאבֶּע - זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר זֵיי, אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט לַאכְן אָדֶער שְׁפֶּעטְן, ווַייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ה, כ): "עַז פָּנִים לְגֵיהִנֹּם" אַן עַז פָּנִים קוּמְט אָן אִין גֵיהִנוֹם, "וּבֹשֶׁת פָּנִים לְגַן עֵדֶן", אוּן דֶער ווָאס פִירְט זִיךְ אֵיידְל - ווֶעט דָאס אִים בְּרֶענְגֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה; אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ פִירְן מִיט דִי גוּטֶע מִנְהָג, זָאלְסְט פְרֶעגְן: "ווָאס קֶען אִיךְ הֶעלְפְן?" וואוּ דוּ ווֶעסְט נָאר זַיין; בַּיי דַיינֶע עֶלְטֶערְן, בַּיי אַ זֵיידֶע, אוּן וואוּ אִימֶער - זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן: "ווָאס קֶען אִיךְ הֶעלְפְן?" אוּן נָאכְן עֶסְן דִי סְעוּדָה זָאלְסְטוּ נִישְׁט נֶעלָם ווֶערְן, ווַייל אַז מֶען עֶסְט אַ סְעוּדָה אִיז דֶּרֶךְ אֶרֶץ צוּ הֶעלְפְן רֵיינִיגְן, אוּן אֵיידֶער דוּ גֵייסְט אַרוֹיס - זָאלְסְטוּ זֶען אוֹיבּ עֶס אִיז דָא מִיסְט, זָאלְסְט הֶעלְפְן אַרָאפְּטְרָאגְן דִי מִיסְט, אוּן אַז עֶפֶּעס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן וְכַדוֹמֶה - זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין אוּן קוּמֶען כְּאִילוּ דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט דִיר, נָאר זָאלְסְט הֶעלְפְן רֵיינִיגְן.

נָאךְ אַ וויכְטִיגֶע זַאךְ, אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועקְן דִיךְ אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי צוּ זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע אָדֶער צוּ זְמַן תְּפִלָּה – זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט רֶעדְן מִיט חוּצְפָּה, שְׁרֵייעֶן: "לָאזְט מִיךְ אָפּ"; זָאלְסְט זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר זֵיי אַז זֵיי זָארְגְן פַאר דִיר פַאר דַיין גוּטְס, פַאר דַיין אֵייבִּיגֶע טוֹבָה, אוּן אַז דוּ שְׁלָאפְסְט בַּיי אַ זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע אוּן זֵיי וֶועקְן דִיךְ אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי צוּ גֵיין אִין יְשִׁיבָה – זָאלְסְטוּ זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם מִתְחַצֵּף זַיין צוּ זֵיי, נָאר זָאלְסְט זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר זֵיי אַז זֵיי לָאזְן דִיךְ וואוֹינֶען בַּיי זֵיי, אוּן אַז זֵיי זָארְגְן פַאר דִיר וְכוּ', אוּן נָאךְ דַיין חֲתוּנָה אַז דוּ וֶועסְט גֵיין צוּ דַיין שְׁוֶוער, אוּן דַיין שְׁוֶוער וֶועט קְלַאפְּן אִין טִיר אוּן שְׁרֵייעֶן: "סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע!" זָאלְסְטוּ נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען דַיין וַוייבּ אָדֶער לַאכְן פוּן דַיין שְׁוֶוער, נָאר זָאלְסְט זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

גֶעדֶענְק, מִיר זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיר זֶענֶען נִישְׁט קֵיין גוֹיִם, לֵיידֶער זֶענֶען מִיר אִין אַ טִיפֶע לַאנְגֶע טוּנְקֶעלֶע גָלוּת אוּן מֶען מֵיינְט שׁוֹין אַז עֶלְטֶערְן טָארְן גָארְנִישְׁט זָאגְן פַאר קִינְדֶער, אוּן עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אַ שִׁיטָה אַז עֶלְטֶערְן טָארְן זִיךְ נִישְׁט אַרֵיינְמִישְׁן בַּיי דִי קִינְדֶער; אוֹי לָנוּ, וֵויי אִיז פַאר אוּנְז, אוּן אַז מֶען גֵייט צוּ מְטַפְּלִים, מֶען גֵייט זִיךְ הֵיילְן – אִיז דָאס פוּן זֵייעֶרֶע עֶרְשְׁטֶע גִיפְטִיגֶע סַם, צוּ שְׁפֶּעטְן פוּן עֶלְטֶערְן אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען דִי יוּגְנְט אָפְּצוּהַאקְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן, אוּן מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי עֶלְטֶערְן אַז זֵיי זָאלְן גָארְנִישְׁט זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער; דָאס אִיז קֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וַוייל עֶלְטֶערְן מֶעגְן זָאגְן אוּן עֶלְטֶערְן דַארְפְן זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

מֵיין נִישְׁט אַז דִי זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט וויכְטִיגֶע זַאכְן, דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז פוּן דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאכְן. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים ו, ה): "'וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ', שֶׁיְּהֵא שֵׁם שָׁמַיִם מִתְאַהֵב עַל יָדְךָ", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֶען אַז דוּרְךְ אִים זָאלְן מֶענְטְשְׁן צוּקוּמֶען צוּ לִיבּ צוּ הָאבְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן עֶר אִיז מְשַׁמֵּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, אַז עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף אֵיידְל מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וָואס זָאגְט מֶען? "אַשְׁרֵי אָבִיו, אַשְׁרֵי רַבּוֹ, שֶׁלִּמְּדוּ תּוֹרָה", וואוֹיל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן וואוֹיל אִיז פַאר זַיינֶע רֶבִּי'ס וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה, עֶס וֶוערְט גֶעהֵיילִיגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען דוּרְךְ אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## אוֹיסְוַואשְׁן דִי אוֹיגְן מִיט טְרֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חַבֵר, יֶעצְט אִין דִי זוּמֶער טֶעג זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין מִיט אַ פֶּעסְטֶע אָפְּמַאךְ אָפְּצוּהִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן, אוּן אַז דוּ בִּיסְט נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת - זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין, וַוייל נָאר דוּרְךְ טְרֶערְן פוּן תְּשׁוּבָה וָואס מֶען וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען אוֹיסְוַואשְׁן דִי אוֹיגְן, אוּן מֶען קֶען פַארְרֶעכְטְן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּגַם; מֶען דַארְף פַארְגִיסְן טַייכְן טְרֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן דִי אוֹיגְן, וַוייל אַלֶע צָרוֹת וָואס קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אִיז נָאר וַוייל מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן; מֶען פַארְלִירְט אַזוֹיפִיל גוּטְס דוּרְךְ זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, מֶען פַארְלִירְט דִי שִׁידוּךְ, מֶען פַארְלִירְט דִי שָׁלוֹם בַּיִת אוּן מֶען פַארְלִירְט דִי פַּרְנָסָה.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (סֵפֶר חֲסִידִים, סִימָן שפז), אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען מִיט אַ טַעֲנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי יְהוּדָא הֶחָסִיד הֲיִתָּכֵן עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעפַאסְט אוּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע שִׁידוּךְ, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען דַיינֶע תְּפִילּוֹת, ״אָמַר הֶחָכָם״, הָאט אִים דֶער צַדִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״זֶה הַצַּעַר הַבָּא עָלֶיךָ בִּשְׁבִיל שֶׁהָיִיתָ צוֹפֶה בְּנָשִׁים, וְזִמֵּן לְךָ מַה שֶׁלֹּא מָצְאָה חֵן בְּעֵינֶיךָ״, דַיין גַאנְצֶע צַעַר וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אִיז וַוייל דוּ הִיטְסְט נִישְׁט דַיינֶע אוֹיגְן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חַבֵר, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, זוּךְ אַ פְּלַאץ; אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ, אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֵויין זִיךְ אוֹיס

און בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ הָאבּ בִּיז אַהֶער נִישְׁט גֶעהִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק, פוּן אִינְדְרוֹיסְן שְׁפִּיל אִיךְ אַ שֵׁיינֶע שְׁפִּיל, אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ אַהֶער ווִי אַן עֶרְלִיכֶער און פְרוּמֶער, אַלֶע קֶענֶען מִיךְ ווִי אַ טַייעֶרֶער און אַן אֵיידֶעלֶער, אָבֶּער פוּן דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער קֶען אִיךְ זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן, דוּ ווֵייסְט דָאךְ אַלֶעס, דוּ זֶעסְט אַלֶעס, אָנָּא הַשֵּׁם אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן מַיין בְּלָאטֶע, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הֵיילִיגֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ רֵיינֶע אוֹיגְן, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר און פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, עֲנֵנִי הַשֵּׁם עֲנֵנִי, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט הָאבְּן קֵיין אֵיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק, אִיךְ זָאל נִיצְן מַיינֶע אוֹיגְן נָאר צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָמֵן סֶלָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## נָאר אֵיידֶעלֶע און עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר; אַמָאל פְלֶעגְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן בְּרִיוְון, אִיךְ וַוארְט צוּ זֶען דַיינֶע בְּרִיוְון, אִיךְ ווִיל זֶען דַיין סֵדֶר הַיּוֹם, ווִיפִיל דוּ לֶערְנְסְט, און ווִי דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

חַבֵּר זִיךְ נָאר מִיט גוּטֶע חֲבֵרִים, עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים, וַוייל יֶעצְט אִין דִי זוּמֶער טֶעג זֶענֶען דִי נִסְיוֹנוֹת גְרוֹיס, און נָאר אַז מֶען הָאט גוּטֶע חֲבֵרִים, אֵיידֶעלֶע און עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים - קֶען מֶען זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק. דֶער סִימָן צוּ ווִיסְן וֶוער אִיז אַ גוּטֶער חַבֵר און פוּן וֶועם מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן - אִיז דִי מוֹיל; דֶער וָואס רֶעדְט אֵיידְל און פִירְט זִיךְ מִיט תְּמִימוּת - דֶער אִיז אַ גוּטֶער חַבֵר, און חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ מֶען הֶערְט אֵיינֶעם רֶעדְן נִישְׁט אֵיידְל - דַארְף מֶען זִיךְ

זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אִים, אוּן אֲפִילוּ יֶענֶער זֶעט אוֹיס וִוי אַן עֶרְלִיכֶער, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס אִיז נָאר פוּן אִינְדְרוֹיסְן, עֶר אִיז נִישְׁט תּוֹכוֹ כְּבָרוֹ, פוּן אִינֶעוֵוייעֶנִיג אִיז פוּל מִיט שְׁלֶענְג אוּן עֶגְדִיסְן אוּן מֶען קֶען גֶעבִּיסְן וֶוערְן פוּן אִים.

גֵיי נִישְׁט אִין לֵיידִיגֶע שְׁטִילֶע פְּלֶעצֶער, אִין לֵיידִיגֶע שׁוּלְן וְכַדוֹמֶה, דְרֵיי זִיךְ נָאר אִין פְּלֶעצֶער וואוּ עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן, וואוּ מֶען קֶען זֶען אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ דָארְט, וַוייל אִין דִי לֵיידִיגֶע שׁוּלְן קֶען מֶען אַרַיינְפַאלְן מִיט נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, מֶען קֶען אָנְקוּמֶען צוּ וֶוערְן אוּמְגְלִיקְלִיךְ דוּרְךְ בַּעֲלֵי עֲבֵירוֹת, דִי בַּעֲלֵי עֲבֵירוֹת זוּכְן שְׁטִילֶע פְּלֶעצֶער, לֵיידִיגֶע מִקְוָאוֹת, לֵיידִיגֶע שְׁטִיבְּלֶעךְ, זֵיי לָאקֶערְן אוֹיף בָּחוּרִים זֵיי צוּ פַאנְגֶען אִין זֵייעֶר בִּיטֶערֶע נֶעץ, אוּן אַז אַ פְרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ רוּפְט דִיךְ אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ - זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין, אוּן אַז חָלִילָה וְחָס אֵיינֶער וִויל דִיךְ מְטַמֵּא זַיין, אֵיינֶער וִויל דִיךְ אָנְרִירְן... - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פַאר הִילְף, שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט אוּן הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין לֶעבְּן, אוֹיף דַיין עָתִיד.

קֵיינְמָאל זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרַיינְקוּקְן אִין אַ חַבֵר׳ס טֶעלֶעפָאן, אַמָאל קֶען מֶען מִיט אֵיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק פַארְלִירְן דִי גַאנְצֶע יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ נָאכְדֶעם מוּטְשֶׁען דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן, נִיץ אוֹיס דַיין צַייט צוּ טוּן חֶסֶד, צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, הֶעלְפְן דִי עֶלְטֶערְן, אוּן הֶעלְפְן אִין שׁוּל, אִין יְשִׁיבָה וְכַדוֹמֶה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, ב׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ,

מִיר גֵייעֶן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּנְדָאסְנֵיי - זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, וַוייל דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט נָאר בִּזְכוּת וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה מז, ד), וָואלְטְן דִי אִידְן נִישְׁט מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה - וָואלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אוֹיס וֶועלְט; קוּמְט אוֹיס אַז הַיינְט יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ - אִיז זֵייעֶר אַ פְרֵיילִיכֶע צַייט, אַז מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה אוּן מִיר הַאלְטְן דִי תּוֹרָה, מִיר זֶענֶען מְחַיֶה דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב דַארְף מֶען זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, יֶעצְט אִינֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ - זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, פְרֵיי זִיךְ מִיט 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי', אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, אִיךְ בִּין אַ אִיד. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מֶדְרָשׁ פְּלִיאָה), וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דִי עֶרְשְׁטֶע דִיבּוּר: "אָנֹכִי הַשֵּׁם אֱלֹקֶיךָ" - הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גְלַייךְ אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן: "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי"; וַוייל דָאס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, אַז מִיר זֶענֶען אוֹיסְדֶערְוֶועלְט, מִיר זֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס קִינְדֶער; פוּן דִי שִׂמְחָה קֶען מֶען נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן, וַוייל אֲפִילוּ מֶען זֶעט זִיךְ זֵייעֶר וַוייט, מֶען זֶעט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפַאלְן, מֶען לֶערְנְט נִישְׁט, מֶען דַאוֶונְט נִישְׁט, מֶען זֶעט נָאר שְׁלֶעכְטְס אִין זִיךְ, מֶען הָאט נִישְׁט מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ - קֶען מֶען נָאכְאַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם אַז מֶען אִיז נִישְׁט קֵיין גוֹי, אוּן דָאס אִיז נָאךְ אַ טַעַם פַארְוָואס מִיר מַאכְן דִי בְּרָכָה יֶעדְן טָאג אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט קֵיין גוֹי, לִכְאוֹרָה וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען רִיכְטִיג צוּ זָאגְן אַ בְּרָכָה: "שֶׁעָשַׂנִי יִשְׂרָאֵל", אַז מִיר זֶענֶען אִידְן, וָואס מַאכְט מֶען אַ פַארְקֶערְטֶע בְּרָכָה, אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט קֵיין גוֹי? נָאר דֶער יֵצֶר הָרָע זוּכְט אַלֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּ צֶעקְלַאפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים אוֹיפְוַוייזְן אַז עֶר אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן פוּן אִים וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין; וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ אַרַיין אִין אַ קַטְנוּת הַדַּעַת נִישְׁט צוּ מַאכְן דִי בְּרָכָה 'שֶׁעָשַׂנִי יִשְׂרָאֵל', עֶר וָואלְט זִיךְ גֶעקְלַאפְּט: בִּין אִיךְ דֶען אַ אִיד? אַזוֹי פִירְט זִיךְ אוֹיף אַ אִיד? קֶען אִיךְ דֶען מַאכְן דִי בְּרָכָה בְּשֵׁם וּמַלְכוּת - 'שֶׁעָשַׂנִי יִשְׂרָאֵל'? אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף צוּ זַיין; דֶערְפַאר מַאכְן מִיר דִי בְּרָכָה: 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי', אַז אֲפִילוּ דֶער

וָואס אִיז גוּט צֶעבְּרָאכְן אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ פַאר אַ גָארְנִישְׁט - קֶען אוֹיךְ אוֹיסְשְׁרֵייעֶן: 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי', וָואס זָאל נָאר זַיין, אַ גּוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, אִיךְ בִּין בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל'; עַל כֵּן לִיבֶּער בְּרוּדֶער זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי', אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בַּאוַואסֶערְן דִי בֵּיימֶער אוּן בְּלוּמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ב' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַארְן מִיר הֶעלְפְן מִיטְן הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת, עֶס לוֹינְט זִיךְ דִי פְּלָאג אוּן מִי צוּ בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת; נָאר דָאס בְּלַייבְּט, נָאר דָאס וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אוֹיךְ דוּ וָואס דוּ בִּיסְט פַארְיָאגְט סַיי מִיטְן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד, אוּן סַיי מִיט דַיין פְּרִיוָואטֶע בִּיזְנֶעס - זָאלְסְטוּ אוֹיךְ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ עֶס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין אַ טָאג אָן לֶערְנֶען תּוֹרָה, לֶערְן זִיךְ פוּן דִי בֵּיימֶער אוּן בְּלוּמֶען, זֵיי קֶענֶען נָאר וַואקְסְן אַז מֶען בַּאוַואסֶערְט זֵיי, אוּן דָאס אִיז דֶער טַעַם פַארְוָואס יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִיז דֶער מִנְהָג אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין שׁוּל אוּן אִין שְׁטוּבּ בֵּיימֶער אוּן בְּלוּמֶען, אַלְס אַ זֵכֶר פַאר קַבָּלַת הַתּוֹרָה; אוֹיךְ אִיז דָאס אַז מִיר זָאלְן זִיךְ לֶערְנֶען פוּן דִי בֵּיימֶער אוּן בְּלוּמֶען, וָואס זֵיי קֶענֶען נִישְׁט וַואקְסְן, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט לֶעבְן - אָן קֵיין וַואסֶער; אוֹיבּ דִי בֵּיימֶער אוּן בְּלוּמֶען הָאבְן נִישְׁט קֵיין וַואסֶער - שְׁטַארְבְּן זֵיי, אוּן אַזוֹי אִיז מִיט אַ מֶענְטְשׁ, "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה" (דְּבָרִים כ, יט), דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וִוי אַ בּוֹים; אַזוֹי וִוי בֵּיימֶער דַארְפְן הָאבְן וַואסֶער - דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ לֶערְנֶען תּוֹרָה, וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן וַואסֶער (בָּבָא קַמָּא פב.), אָן תּוֹרָה קֶען דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט אָנְגֵיין, מֶען קֶען נִישְׁט לֶעבְן.

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן זָאלְסְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ

לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג. זַיי זִיךְ מְקַבֵּל עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אַ טָאג אָן תּוֹרָה, נָאר אַזוֹי וְועסְטוּ קֶענֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת סא:), אַמָאל הָאט אַ פוּקְס שְׁפַּאצִירְט בַּיים וַואסֶער אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי אַ גַאנְצֶע מַחֲנֶה פִישׁ לוֹיפְן פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן פְּלַאץ, הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "אֶפְשָׁר ווִילְן עֶנְק אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דִי וַואסֶער אוּן מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם?" הָאבְּן דִי פִישׁ גֶעלַאכְט פוּן אִים, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "דוּ בִּיסְט דֶער פוּקְס וָואס אַלֶע זָאגְן אַז דוּ בִּיסְט אַ קְלוּגֶע חַיָּה? מַה דָאךְ אִין וַואסֶער וָואס אִיז אוּנְזֶער פְּלַאץ צוּ לֶעבְּן זֶענֶען מִיר שְׁטֶענְדִיג בַּאזָארְגְט אַז מֶען זָאל אוּנְז נִישְׁט פַאנְגֶען, אִיז וִוי קֶענֶען מִיר אַרוֹיסְגֵיין צוּ דִי טְרִיקֶענִישׁ? דָארְט וֶועלְן מִיר אַוַדַאי נִישְׁט קֶענֶען לֶעבְּן!" אַזוֹי הָאט רֶבִּי עֲקִיבָא גֶעזָאגְט פַאר פַּפּוּס וֶוען עֶר הָאט אִים פָארְגֶעהַאלְטְן פַארְוָואס עֶר מַאכְט יְשִׁיבוֹת וֶוען דִי רוֹמָאִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעלָאזְט, אוּן אַז מֶען וֶועט נִישְׁט פָאלְגְן דִי רוֹמָאִים וֶועט עֶס זַיין אַ סַכָּנָה, הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי מַעֲשֶׂה מִיטְן פוּקְס, אַז אַ אִיד אָן תּוֹרָה קֶען נִישְׁט זַיין, אוּן נָאר אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה קֶען מֶען לֶעבְּן.

עַל כֵּן בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זַיי מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה פוּנְדָאסְנֵיי, מַאךְ זִיךְ אַ שְׁטַארְקֶע קַבָּלָה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, אוּן אוֹיבּ דוּ בִּיסְט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אוּן אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה, מִיט זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה - וֶועט מֶען בַּיים סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ תְּבוּנוֹת הַתּוֹרָה, מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן יא); קוּק אַרַיין אִין סֵפֶר רַחֲמֵי הָאָב (אוֹת לִימּוּד): "עוֹד זֹאת אוֹמֵר לִי לִבִּי", מַיין הַארְץ זָאגְט מִיר, "עֵצָה טוֹבָה", אַ גוּטֶע עֵצָה פַאר דִי וָואס זֶענֶען פַארְיָאגְט צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אוּן פַאר דִי וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קֵיין לֶערְנֶען, "שֶׁיִּלְמֹד בְּכָל יוֹם דַּף גְּמָרָא וּפֶרֶק מִשְׁנָיוֹת בַּאֲמִירָה בְּעָלְמָא", זֵיי זָאלְן יֶעדְן טָאג זָאגְן אַ בְּלַאט גְמָרָא אוּן אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין; עֶר דֶערְצֵיילְט דָארְט וַוייטֶער: אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַ שׁוּסְטֶער וָואס הָאט נִישְׁט

פַארְשְׁטַאנֶען קֵיין לֶערְנֶען, אוּן עֶר פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זָאגְן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא, עֶר הָאט יֶעדֶע יָאר גֶעעֶנְדִיגְט שַׁ"ס, "וְהָיָ' צֶלֶם אֱלֹקִים עַל פָּנָיו כְּאֶחָד הַגְּדוֹלִים", עֶר הָאט גֶעהַאט אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים, עֶס הָאט אִים גֶעשַׁיינְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## סְתַּם זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אִיז דָאס דֶען לִימוּד הַתּוֹרָה?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ג' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חַבֵר, זַיי זִיךְ מְקַבֵּל צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מַאךְ זִיךְ אַ סֵדֶר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא אוּן הֲלָכָה. בַּיים אָנְהֵייבּ וֶועסְטוּ נָאכְנִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס דוּ לֶערְנְסְט, דָאךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען, זָאלְסְט גוֹרֵס זַיין דִי וֶוערְטֶער, זָאג דִי וֶוערְטֶער, ווייל דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (קְדוֹשִׁים פה:), וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהוּא בִּרְחִימוּתָא דְאוֹרַיְיתָא, לָעֵי בָּהּ, וּמְגַמְגֵּם בָּהּ בְּגִמְגוּמָא דְּלָא יָדַע", אוּן פוּן גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה, לֶערְנְט עֶר וַוייטֶער אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נָאכְנִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט; "כָּל מִלָּה וּמִלָּה סַלְקָא", יֶעדֶעס וָוארְט תּוֹרָה וָואס עֶר לֶערְנְט גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, "וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חָדֵי בְּהַהִיא מִלָּה", אוּן דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער פְרֵייט זִיךְ מִיט יֶעדֶע וָוארְט תּוֹרָה, דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער נֶעמְט דִי וֶוערְטֶער אוּן פְלַאנְצְט אַיין דִי וֶוערְטֶער אוֹיבְן אִין הִימְל אַרוּם אַ טַייךְ, אוּן עֶס וֶוערְט דֶערְפוּן גְרוֹיסֶע 'עֲרָבוֹת' בֵּיימֶער, עַיֵין שָׁם.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, זֶע אַז דַיינֶע טֶעג אוּן דַיינֶע יָארְן זָאלְן דִיר נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין מִיט גָארְנִישְׁט אוּן מִיט נִישְׁט; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה? דִי תֵּירוּצִים דַיינֶע זֶענֶען נִישְׁט קֵיין אֱמֶתְ'עֶ תֵּירוּצִים, אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין חַבְרוּתָא, דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין מִסְגֶּרֶת וְכַדוֹמֶה - הֵייבּ אָן פַאר דִיר

אַלֵיין לֶערְנֶען, אוּן אַז מֶען הָאט דִיךְ צֶעקְלַאפְּט אִין דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, מֶען הָאט דִיר אוֹיפְגֶעוויזְן אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם - אִיז דָאס נִישְׁט קֵיין תֵּירוּץ אוֹיף נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען. נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן הֵייבּ אָן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי מִשְׁנָה הוֹיךְ מִיט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן מִיט אַ זִיסְקֵייט, זָאג אַ מִשְׁנָה נָאךְ אַ מִשְׁנָה, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן דִי עֶרְשְׁטֶע פֶּרֶק, נָאכְדֶעם הֵייבּ אָן פֶּרֶק ב׳, אוּן אַזוֹי גֵיי וַוייטֶער בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן דִי עֶרְשְׁטֶע מַסֶכְתָּא, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן מַסֶכֶת פֵּאָה; אַזוֹי זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מַסֶכְתָּא נָאךְ מַסֶכְתָּא, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן סֵדֶר זְרָעִים. נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ סֵדֶר מוֹעֵד, בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן מִיט גְמָרָא; הֵייבּ אָן לֶערְנֶען מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, לֶערְן אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט, אוּן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן, זָאלְסְט בֶּעטְן אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זִיךְ עֶפֶענֶען פַאר דִיר דַיינֶע אוֹיגְן אוּן דַיין פַארְשְׁטַאנְד, דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נָאכְאַלְץ נִישְׁט - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זָאגְן דִי וֶוערְטֶער בִּיז דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין.

עֶס קֶען זִיךְ הֶערְן אִינְטֶערֶעסַאנְט, סְתַּם זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אִיז דָאס דֶען לִימוּד הַתּוֹרָה? לִיבֶּער בְּרוּדֶער, עֶרְשְׁטְנְס זָאלְסְטוּ וויסְן אַז יָא, דָאס אַלֵיין אִיז לִימוּד הַתּוֹרָה; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה יט.): "לְעוֹלָם לִגְרוֹס אִינִישׁ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל לֶערְנֶען בְּגִירְסָא, "וְאַף עַל גַּב דְּלֹא יָדַע מַאי קָאָמַר", אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נָאכְנִישְׁט דָאס לֶערְנֶען; אוּן צְוֵוייטְנְס, דָאס אִיז דִי וֶועג צוּצוּקוּמֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, וַוייל וֶוען מֶען אִיז מְדַקְדֵק אוּן מֶען וויל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין דִי טִיפְקֵייט פוּן יֶעדֶע וָוארְט תּוֹרָה - טוּט דָאס מְבַלְבֵּל זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס קֶען אַמָאל צוּבְּרֶענְגֶען אַז מֶען זָאל אָפְּלָאזְן דָאס לֶערְנֶען, אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט מֶער אוֹיפְן שְׁנֶעלְן וֶועג, אוּן אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נָאכְנִישְׁט אַזוֹי קְלָאר גֵייט מֶען וַוייטֶער, מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ - דָאס בְּרֶענְגְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען מֶער אוּן מֶער, אוּן דָאס מַאכְט מֶען זָאל פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

הֵייבּ שׁוֹין אָן לֶערְנֶען, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, אוּן זַיי גְרֵייט אַז מֶען

וֶועט דָאס דִיר אַוֶועק מַאכְן, מֶענְטְשְׁן וֶועלְן שְׁמֵייכְלֶען, מֶען וֶועט לַאכְן וְכוּ׳, אוֹיךְ וֶועט מֶען זִיךְ וֶועלְן טַעְנָה׳עֶן מִיט דִיר, וַוייל אַזוֹי גֵייט עֶס מִיט יֶעדֶע זַאךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת דַארְף עֶר אַרִיבֶּער גֵיין דִי מְנִיעָה אַז מֶען שְׁפֶּעט אוּן מֶען לַאכְט פוּן אִים, אוּן טַאקֶע דֶערְפַאר הֵייבְּט אָן דֶער הֵיילִיגֶע שֻׁלְחָן עָרוּךְ אִין דִי עֶרְשְׁטֶע סִימָן: "וְלֹא יֵבוֹשׁ מִפְּנֵי הַמַּלְעִיגִים עָלָיו בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן דִי וָואס שְׁפֶּעטְן אָפּ פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל דָאס אִיז דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע הַקְדָמָה אֵיידֶער מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ, צוּ ווִיסְן אַז עֶס גֵייעֶן זַיין מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן פוּן אִים שְׁפֶּעטְן; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דָאס לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז עֶס וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען פַאר דִיר דַיינֶע אוֹיגְן אוּן דַיין שֵׂכֶל, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ ווִיל בְּלַייבְּן רֵיין

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הִיט מִיךְ פוּן דִי גוֹיִם, זֵיי זָאלְן מִיךְ נִישְׁט אָנְרִירְן אוּן אִיךְ זָאל זֵיי נִישְׁט אָנְרִירְן; אִיךְ בִּין יֶעצְט גֶעוֶוען אִין מִקְוֶה, אִיךְ הָאבּ זִיךְ יֶעצְט גֶע'טוֹבֵל'ט, אִיךְ ווִיל בְּלַייבְּן רֵיין..."

גֶעוֶוען אִיז דָאס וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה זִיךְ טוֹבֵל'ען, אוֹיפְן וֶועג צוּרִיק פוּן מִקְוֶה אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אַרִיבֶּער אַ שְׁמָאלֶע גַאס אוּן עֶס זֶענֶען אִים אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען צְוֵויי גוֹיִם, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיךְ אָנְרִירְן מִיט זֵיי, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט וֶוערְן טָמֵא, עֶר הָאט גֶעוָואלְט בְּלַייבְּן רֵיין פוּן דִי הֵיילִיגֶע מִקְוֶה, הָאט עֶר שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הִיט מִיךְ פוּן דִי גוֹיִם, זֵיי זָאלְן מִיךְ נִישְׁט אָנְרִירְן אוּן אִיךְ זָאל זֵיי נִישְׁט אָנְרִירְן; אִיךְ בִּין יֶעצְט גֶעוֶוען אִין מִקְוֶה, אִיךְ הָאבּ זִיךְ יֶעצְט גֶע'טוֹבֵל'ט, אִיךְ ווִיל בְּלַייבְּן רֵיין..."

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען ווִיל, אוּן יֶעדֶע זַאךְ



שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיי הָאבְּן מִיךְ נִישְׁט אָנְגֶערִירְט

וָואס מֶען דַארְף - אִיז דָא אֵיין עֵצָה, מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם, און מֶען קֶען רֶעדְן צוּ אִים אִין יֶעדֶע שְׁפְּרַאךְ, אִין הִימְל אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב וֶוען אַ אִיד בֶּעט עֶפֶּעס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעט שְׁטִילֶערְהֵייט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶר זֶעט ווִי דִי גוֹיִם קוּמֶען נֶענְטֶער און נֶענְטֶער צוּ אִים, עֶר בֶּעט נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, און אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה הָאט פַּאסִירְט... דִי גוֹיִם רוּפְן אוֹיס הוֹיךְ: "לָאמִיר זִיךְ אַרַיינְקְוֶועטְשְׁן אִין דִי זַייט נִישְׁט אָנְצוּרִירְן דֶעם שְׁמוּצִיגְן אִיד", דִי גוֹיִם קְוֶועטְשְׁן זִיךְ אַרַיין אִין דִי זַייט, און דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֵייט אַרִיבֶּער הֵיילִיג און רֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶענוּמֶען זַיינֶע תְּפִילוֹת.

עֶכְט אִיז אַ אִיד נִישְׁט שְׁמוּצִיג, אַ אִיד אִיז הֵיילִיג, נָאר דִי גוֹיִם זָאגְן אוֹיף אוּנְז אַז מִיר זֶענֶען שְׁמוּצִיג, אָבֶער חַס וְשָׁלוֹם טְרַאכְטְן אַזוֹי, וַוייל אִידְן זֶענֶען רֵיין און הֵיילִיג, אִידְן זֶענֶען דִי שֶׁענְסְטֶע פוּן דִי וֶועלְט.

לָאמִיר זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז מִיר זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוען מִיר גֵייעֶן אִין מִקְוֶה זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן צוּ בְּלַייבְּן רֵיין, און וֶוען מִיר גֵייעֶן אִין גַאס - נִישְׁט אָנְרִירְן און נִישְׁט קוּקְן אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, אַזוֹי וֶועלְן מִיר בְּלַייבְּן רֵיין, און לָאמִיר זִיךְ לֶערְנֶען פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן, אַזוֹי וֶועלְן מִיר זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, מִיר וֶועלְן זַיין הֵיילִיג און רֵיין.